STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05231

YEHUDAH TANAKHI

Baruch Bernard

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05231-0

D:\YIDDISH\Titles\9780657052317T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

בערנאַרד ברוך גרינבערג

יהודה תנכי

(קאָמעדיע אין פיר אַקטן)

דער „דזשואיש איידזשענסי" —
א שמייכל

ווילנע
1930

Copyright by the Author 1929 Bernard Boruch Greenberg

PRINTED IN POLAND
B. Grynberg — „Jehudo Tanoki"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

יהודה תנכי

פערזאָנען:

יהודה תנכּי.

דוד בן ישראל (אָדער דאַווידאָ) — זיין סעקרעטאַר.

רבּי רבּ משהלע.

רבּ שלמה — זיין שמש.

שושנה וואַנוועלע דע מיטלטאן.

חכם אַביגדור נגיד וואַן דע מיטלטאן — איר מאַן.

אחרון — זייער דינער.

מר. הערי ברוק — ריכטער, שופט אין פּאַלעסטינע.

פּעסע בת אשר — זיין פרוי.

שרה ברכה — אַ יידענע.

קאַלמען זאַלמען נעם — אַ גאַסט פון אַמעריקע.

אַן ענגלישער געניראַל.

אַ קאַטוילישער קאַרדינאַל.

אַן אַראַבישער עמיר.

דיפּלאָמאַטן — אַמבּאַסאַדאָרן און זייערע דאַמען.

אַ רעפּאָרטער.

אַ דעלעגאַט.

חלוצים

פּאָליציי.

פּאָלק.

צייט — געגנוואָרט.

ערשטער אַקט

ערשטע סצענע

אין אָדעס, ביי שיינדלען אין ווינקעלער. ארום א טיש. א גרופּע באַנוצעס — יידן און גויים. אייניקע „גוטע ווייבער", איינע אַ טענצערקע.

יהודה

אַ שטאַרק־געבויטער מאַן אין די 30קער, זיצט פאַרטראַכט. שווייגט. אַלע אומרויק, געשפּאַנט.

דוד

אוי אַ רוח'ן, רעד שוין אַ מאָל!

צווייטער

הייליקע מוטער, איין וואָרט זאָג!

דריטער

ביי דעם גאָט פון די יידן, ענטפער!

פערטער

יעזו באַרעמהאַרציקער, איין וואָרט!

ווייבער

זיי לאָזן זיך צו אים

איין וואָרט, איין וואָרט, טייערער.

טענצערקע

סצענע

זי טאַנצט אַ ליידנשאַפטלעכן ריטם אויס און וויקלט אירע הענט ארום יהודהס האַלז, יהודה קוקט אויף איר שטרענג — און זי אַנטלויפט. אַלע אין שרעק.

ד ו ד

פאָדערט

מיר קענען שוין מער נישט אויסהאַלטן!

צ וו יי ט ע ר

ווייך

מיר קראַפּירן, יהודה!

ד ו ד

שטרענג

צו וואָס האַלטסטו אונז?

ד ר י ט ע ר

עסן, עסן, מיר זענען הונגעריק!

ט ע נ צ ע ר ק ע

באַוועגונג

עסן. שלאָף מיט מיר, יהודה.

פויזע. אַלע שווײַגן

ד ו ד

טויט אונז! אָדער אַז נישט וועלן מיר דיך טייטן...

ס צ ע נ ע

אַלע מיט די פויסטן אויף אים, די ווייבער וואַרפן זיך אויף דער ערד וויינען. יהודה רויק קוקט אויף זיי. אַלע אין שרעק ציען זיך צוריק.

י ה ו ד ה

שאַ-אַ... ווילט איר נישט זיין געדולדיק און וואַרטן. שטיל זאָל זיין, האָב איך געזאָגט! אַז נישט, ברעך איך אייך די קעפּ. אַ קאָפּ נאָך אַ קאָפּ אָפּ... און פון אייערע שאַרבנס פולע בעכערס מיט אייער אייגן בלוט צום זויפן גיב איך אייך דאָ. הינט... וואָס האָט איר זיך עס צעהאַווקעט!?... יהודה שווייגט? — בין איך אייך אַ פרעמדער, האַ?

וו יי ב ע ר

טייערע, טייערע...

י ה ו ד ה

שטיל זאָל זיין! וואָס איך פאַרטראַכט וועלן אייערע קעפּ נישט באַנעמען. גנבים, אייך נאָגט די נויט. פייפט דער דלות אין הויז,

פרעסן זיך די מייז איינס דאָס אַנדערע אויף. גאָט, ווי מיר עקלט. איר קריכט מיר אַזש פון האַלז. וואָס ווילט איר וואָס?...

דוד

לעבן, אַ כאָלעריע. לעבן, יהודה.

מענער

עסן, יהודה, עסן...

ווייבער

עסן, טייערער. מיר זענען הונגעריק.

יהודה

יידישע גזלנים. נישטאָ ווער זאָל לאַכן, — עסן?... עסן, אומשולדיק ווי קינדער.

דוד

אַוודאי, אַז דו ביסט אונזער פירער, זענען מיר קינדער!

ווייבער

אַזוי איז שטענדיק געווען

אַלע

ליפּטע, אויך אַזוי!...

יהודה

ווו זאָל איך אייך נעמען? די נויט איז אַן אַלגעמיינע. די מלחמה האָט וויסט געמאַכט, די פעלדער פוסטעווען, דער פויער הונגערט, ביים קרעמער שטייען די פּאָליצעס ליידיק. פונוואַנען זאָל איך נעמען?

אַלע

נאָך דאָ... נאָך פאַראַן...

יהודה

קרישקעס פונעם טיש? אָפּפאַל אין די אַלמערס? דערצו דאַרפט איר מיך, מיין הילף? דערויף רופט איר יהודהן?—מייז וואָס איר זייט! איך זאָל אייך לעבעדיק, לעבעדיקע פאַרסמען? ניין! בעסער אַליין זיין. בעסער אויף קאַטאָרגע גיין און נישט ביי אייך אייער פירער זיין!... גייט, גייט און ברעכט קאָפּ און נאַקן. גייט צו ליפּטען, גייט צו ליפּטען... יהודה וו ל נעמען!... איך וויל נע־מ־ע־ן!... נאָר פונוואַנען זאָל איך נעמען? אַ

נאַנצע וועלט גייט אונטער. זייט-זשע בראַוו. זייט-זשע בראַוו. זייט די ערשטע!... נאָר קענט איר דען שטאַרבן? קענט איר שטאַרבן? — דו... קענט איר שטאַרבן? — און דו?... און דו?... איינער פאַרן אַנדערן. איינער פאַרן אַנדערן. קענט איר שטאַרבן? אָ, מיר עקלט!... איר הערט? — אָ, מייז וואָס איר זענט. מיר עקלט!...

דוד

פריידיק ווייניער און טו מערער.

יהודה

האַלט ס׳מויל, וואָרים איך צעפּלעם אַפּ דיר. האַלט ס׳מויל!...

וויבער

טייער׳ער...

זיי שטויסן אָפּ דודן.

יהודה

ווער האָט נישט זיין פּעקל? וועלכע צייט האָט נישט איר נויט?... גנבים, גנבים און מייז האָבן נאָר איין נויט און איין צייט... באַנדע... צייגט מיר, אַז איר זענט. אַז איר האָט אַ בונט געשלאָסן, אַז איר ווילט... און איך וועל... באַנדע... אַז איר ווילט... אַז איר האָט אַ בונט געשלאָסן?...

סומפּא

ביזן בלוט, יהודה, באַפעל און איך גיי...

אַלע

ביזן בלוט, יהודה... ביזן בלוט, יהודה!

יהודה

אַז איר האָט אַ בונט געשלאָסן... אַז איר ווילט...

אַלע

יאָ...יאָ..

יהודה

אָט דאָרטן אויף דעם שוואַרצן ים פּאָרט, בלאָנדזשעט אַ שיף אַרום. זעט! באַוועגונג צו די פענצטער, יהודה שווייגט. איך טראַכט. איך טראַכט: ווי אַזוי ווערט מען גאָט... איך הערט?! ווי אַזוי ווערט מען אַ גאָט!... לעבט אַ פאָלק אויף דער גאָרער וועלט צעשפּרייט און זאַמלט און שיקט געלט אויף דער שיף...

ס צ ע נ ע

פֿלע, געשפּאַנטע באַוועגונג פֿון פֿענצטער

יהודה!...

יהודה

יהודהן רופֿט מען פֿון הײַנט אָן משיח, איר הערט? שווערט!..
שווערט, איך בין משיח און דאָס גאַנצע געלט איז מײַנס!

פֿלע

געלעכטער

משיח... מיר שווערן... משיח...

יהודה

ניין! פֿאַלשע צינגער!... נישט שווערן הייס איך. נישט שווערן!
יהודה גלויבט אַלעמען אויפֿן וואָרט. איך בין משיח און דאָס
גאַנצע געלט איז מײַנס!

דוד

משוגע געוואָרן — אוי אַ רוח'ן — כַּע־כַּע־כַּע. משיח?...

יהודה

כּעס

איך בין משיח, האָב איך געזאָגט, און דאָס גאַנצע געלט איז
מײַנס!.

אַלע

משיח... משיח... משיח...

יהודה

קומט...

פֿלע אָפּ.

פֿאָרהאַנג.

צווייטע סצענע

נאַכט, אין גאַס, אין פראָנט פון אַלעקסאַנדערסקי מאַגאַזין. יהודה און זיינע מענטשן טראָגן פּאָליציי־אוניפאָרמען. אייניקע שנאַפּן אַרום.

יהודה

דוואַידאַ!...

דוד

אין קאָמאַנדע

פייער....

יהודה

ניין. וואָרט. צו דער טיר ברעך!

דוד

אוי אַרויס.—ברעך!

זיי האַקן אין דער טיר

שטימע פון אינעווייניק

געוואַלד!

יהודה

עסן! ווער דאָרט. עסן!

שטימע פון אינעווייניק.

פּאָליציי!

און שיסט

אַלע

האַ!...

יהודה

ער גיט אַ קאָמאַנדע

פייער!

סצענע

מען שיסט, מען הערט געוואַלד־געשרייען. יהודה אַליין ברעכט די טיר.

דער ערשטער ווער? אַלע שװײַגן לאַפּיטוטן!...

ער גייט, אַלע געשפּאַנט גייען נאָך

ליכט מאַכן!

איייקע מיט עלעקטרישע האַנט־לאַמפּן לייכטן, מען זעט אַ מאַנופאַקטור־מאַגאַזין שענק, טישן א.ד.גל. קליידער און רױשטאָפן

צװײ צוזאַמען

האַ־האַ!...

צװײ אַנדערע

איינער—געװען איז מער?

אַלע

מער! מער!...

באַטראַכטן.

דוד

דער באַשטייט פאַר פינף—זע נאָר דעם קאַלדון?—אוי, אַ רוח׳ן דיין—דער איז דיינער, האָסט אים דורך און דורך געלעכערט.

אַלע

פרייד

אַז יהודה שיסט, אַז יהודה צילט...

יהודה

דערקענט

ניקאָלאַי, זוואָרנאָװס זון! ביי גאָט, דער ערשטער אין זיין משפחה. אַ קרבן איבער אַ יידן. אַ שאָד איבער דיר, ניקאָלאַי!... צו דער באַנדע נעמט און לייגט אים אויפן טיש אַרויף, ער איז אַן אָנגעזעענער פאַן און זאָל ער נישט ווי אַ הונט אויסגיין.

אַלע

ער איז שוין אייז־קאַלט.

יהודה

איז אַוודאי גוט. לייגט אים אויפן טיש און זאָל ער ווי אַ מענטש ליגן.

די ווייבער צעשפּרייטן אַ שטיק סחורה, די מענער הייבן אים אוי.

דוד

ער איז דער לעצטער פאַן פון זיין שטאַם. עס מעג אַ רוח׳ן

זיין מאַמעס מאַמען אַריין. כּע־כע־כּע לאָמיר אים אַ רעקוויום מאַכן.

יהודה

ניין. עס קען נאָך אויף זיין בויך ווי ביטער־זאַלץ נעמען ווירקן און ער וועט זיך אויפכאַפּן.

דוד

טאָ לאָמיר אים באַקלאָגן.

יהודה

קלאָג, אַז דיר גלוסט.

יהודה אָפּ, אינספּעקט די סחורות

דוד

זוכט בײַ אים אין די קעשענעס. זינגט

פאַן ניקאָלאַי. אוי, אוי, פאַן ניקאָלאַי.
זינגט, אַ רוח'ן אײַער מאַמעס מאַמעס.
פאַן ניקאָלאַי!...

אַלע

אוי, אוי, אוי, פאַן ניקאָלאַי.

דוד

אַ פאַרמעגן אַ בויך —
ער זעט נישט, ער הערט נישט,
געפּאַשעט האָסטו אים מיט יויך,
אוי, אוי, אוי, פאַן ניקאָלאַי.

אַלע

אוי, אוי, אוי, פאַן ניקאָלאַי.

דוד

און געקומען איז אַ „זשיד”,
ער זעט, ער הערט,
ער גייט, ער קומט.

ער און אַלע אין באַוועגונג

אוי, אוי, אוי, פאַן ניקאָלאַי.

י ה ו ד ה

ער פּאַקט דודן און ווערגט אים

פון טויטע גנבענען—גנב?...

וו יי בּ ע ר

יהודה... טייערער...

יהודה לאָזט אים

ד ו ד

אוי אַ רוח'ן דיין מאַמעס מאַמען אַריין,—האָסט דאָך מיך שיער דערוואָרגן. אַ רעקוויום מאַכן—חזיר! האָב איך דיך געפרעגט. דו האָסט אַליין געזאָגט—באַקלאָגן?!

י ה ו ד ה

איך וועל פון אייך פריער געהאַקט פלייש מאַכן איידער איר וועט ביי מיר טויטע גנבים ווערן!

אלע צעלייגן די געגנבעטע זאַכן

י ה ו ד ה

שנעל! דאָס זיידנס פּאַקן. ווייבער! די טאַפּטענע קליי־דער. צו אייניקע איר, איר זייט שטום און טויב, איר פאַרשטייט קיין שפּראַך נישט! און איר—רעדט!

א יי נ י ק ע צ ו ז אַ מ ע ן

דאָמינא טרא בעל בעל יאל סעביאל!!

י ה ו ד ה

מיסטעריעז ווי כינעזיש. גוט.—שנעלער—„טראלבעלאל טאל בי־ליאל טעליסא".

אַ ל ע

„בעלי טעליא סעליאל".

י ה ו ד ה

גוט, נאָר דאַווידא און איך רעדן. דאַווידא איז מיין סעקרע־טאַר. אים רופט מען דוד בן ישראל.

אַ ל ע

פרייד

דאַווידאַ בו ישראל..

יהודה

ניין. נישט דאווידא.—דוד בן ישראל

אַלע

דוד בן ישראל!...

יהודה

מיין נאָמען?

אַלע

ענטוזיאַזם

משיח—דוד בן ישראל!

משיח—דוד בן ישראל!...

פֿאָרהאַנג.

דריטע סצענע

אין ארץ־ישראל. אין פעלד הינטער אַ בוים. אַ הייסער נאָכמיטאָג. חלוצים און חלוצות, מידע און פאַרשמאַכטע ליגן לעבן זייער געצייג.

אַ קליין ייִנגל

מאַמע, איך בין הונגעריק.—אוי, מאַמע.

פאָטער

נו, גיי און גיב אַ זופּ מילך.

ייִנגל

וואָס איז מילך,—טאַטע?

פאָטער

וואָס, נישטאָ? נו, גיי און גיב אַ לעק האָניק.

ייִנגל

ווו איז האָניק.—אוי, טאַטע?

פאָטער

עס איז דאָך דאָ געווען, אי מילך, אי האָניק?!

ייִנגל

עס איז גאָרנישט נישט דאָ,—טאַטע.

פאָטער

בייז

ליג, ליג, ס'טו געזען.—נו, אַ שייגעץ.

ייִנגל

טאַטע, טאַטע, איך בין הונגעריק, אוי, טאַטע!...

פאָטער

ער דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער ערד. וויינט אין זיך

מיין קינד...

ייִנגל

וויינט אויפן קול

טאַ—טע...

ערשטער חלוץ

געוואַלד, וואָס וועט זיין?

צווייטער

דאָקטאָר אטראָפּאָפּאָוו וועט אַוודאי מאָרגן לייענען אַ רעפעראַט. וועלן מיר וויסן. עס קען זיין, אַז ס׳וועט הייסן „יחיד" מיט די „פ״א און צדי״ק".

ערשטער

בײַז

וואָס וועט זיין, פרעג איך?

צווייטער

עס קען זעסטו טאַקע זיין, אַז פופצן חברות וועלן זיך אויפהייבן און זיי וועלן דאָס וואָרט נעמען און רעדן דערפאַר, אַז ס׳זאָל, זעסטו, טאַקע יאָ זיין יחיד. נאָר ס׳קען אָבער אויך טרעפן, אַז אַלע זעכצן חברים זאָלן זיך אויפהייבן און דאָס וואָרט נעמען—און דערקלערן דאַגעגן, אַז ס׳זאָל קיין יחיד נישט זיין.

ערשטער

חיים! ביסט משוגע, אָדער ווילסט מיך משוגע מאַכן?—איך פרעג דיך וואָס וועט זיין?

צווייטער

האָסט דאָך מיך איבערגעשראָקן.—פון צער זאָל איך אַזוי וויסן. איך וויים? צבי, צבי. מילא, מען וועט אַוודאי באַלד נעמען דעם ים־המלח אויסטרוקענען—שרייבן די גאַזעטן. אַרבעט וועט זיין, אַבי געזונט, אַרבעט וועט זיין.

אַ חברה

ביז עס וועט קומען די נחמה וועט די נשמה צערויספליען.

צווייטער

ווייס איך וואָס.

דריטער

טע־טע־טע. אַוודאי, ווער עס גיט די מאות, דער האָט די דעות!!

ערשטער

און אַז משיח וועט קומען, ווי וועט זיין?

צווייטער

מ׳שטיינס געזאָגט. נאַדיר גאָר אַמעריקאַנער משיח? בפרט, חברים, עס איז אַ שפּיצל. ווי מען זאָגט טאַקע דאָרטן: אַ געבלאָפטער עסק.

דריטער

ער איז גאָרנישט פון אַמעריקע, אַז ער קומט גאָר פון די עשרת השבטים, אַזש פון אונטערן נאָרד-פּאָל — שרייבן אַלע צייטונגען.

צווייטער

אין די רייד

נאָרד-פּאָל, שמאָרד-פּאָל. דריי נישט אַ ספּאָדעק. ווער דאַרף אים. לאָז ער אונז צורו לאָזן. מיר זענען אויסגעפּרוווטע אַר-בעטער, מיר זענען חלוצים. אונזער אידעאַל איז „כּיבוש עבודה" מיר זענען ברידער פון איין אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און מיר קעמפן פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אדרבה, דאַרפן מיר האָבן אַ משיח אַזש פון דאָרטן — פון נאָרד-פּאָל, שמאָרד-פּאָל, אַז מיר אַליין, אַז מיר אַליין זענען משיחים!!...

אַלע

אומצופרידן

אַז מיר אַליין זענען משיחים?...

ערשטער

אַז אויסגעדאָרנט זענען מיר געוואָרן.

אַלע

מיר וועלן דאָ פון הונגער אויסגיין.

אַ חברה

איך האָב שוין נישט קיין כוח היסטעריש איך וויל משיחן!...

סצענע

פּמעט אַלע פֿון זייער׳ע ערטער. עקסטאַז

מ—ש—י—ח—ן!

יינגל

פון שלאָף

מ—ש—י—ח—ן.

פאָרהאַנג.

פֿערטע סצענע

פֿאַרטאָג, אַ ווילדע געגנט, ווילדע בערג און טאָלן. לינקס, די פּאַנאָראַמע פֿון אַ שטאָט. אין צענטער, עס גיט דעם איינדרוק ווי אויפֿן העכסטן באַרג. אַ לאַגער, אַ קאַראַוואַן קעמלען רוען.

יהודה און דוד טראָגן פּראַכטפֿולע אָריענטאַלישע קליידער.

יהודה

קוקט דורך אַ שפּאַקטיוו

האָסט געהייסן לינקס גיין. אָט טראָמבלען זיי דאָרט אַרום?

דוד

געהייסן, געהייסן. דו האָסט קאַצענע אויגן. דאָס זענען שאָטנס פֿון דער לבֿנה, אַז די לבֿנה פֿאַרגנבֿעט זיך צווישן די ביימער וואַרפֿט זי שאָטנס אונטן. דער מאָרגן-שטערן איז נאָך נישט אויפֿגעגאַנגען.

פּויזע. יהודה קוקט.

אַ קוקעניש? דו ציילסט די שטערן, ציילסט! וואָס?—העי דו.—זאָג מיר בעסער, נאָר זאָג קלאָר וואָס דו ווילסט?

יהודה

כּעס

געלט... חזיר. דאָס וואָס איך וויל.

דוד

אוי—אַ כּע, כּע, כּע. דו קיצלסט מיך. עס בייסט מיר אַזש אין די הענט.—געלט... ער לאַכט אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין. דו לייגסט דאָס לעבעדיקע אויפֿן טויטן. מיר׳ בלייבן אָן אַ פּיאַסטער.

יהודה

געשעפֿט! דאָס איז געשעפֿט! איך וועל צען טויזנט אויף צדקה געבן—אַז ס׳זאָל מיר צען מיליאָן אַריינברענגען!

ד ו ד

אַריינבררענגען ?—דו פֿלאַנעוועסט אין דער ערד אַריין—אָט דאָס עס איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן.

י ה ו ד ה

דער קאַראַוואַן איז דאָ.

ד ו ד

אַז מיר וועלן מוזן מאַכן פּליטה ?

י ה ו ד ה

דיין קאָפּ וועט דער ערשטער גיין !

ד ו ד

אַזוי, אַ רוחן דיין — — זאָג וואָס דו ווילסט. אויף דיין שיינעם פּנים קוקנדיק וועט מען דיר געלט געבן ?

י ה ו ד ה

איך בין דאָך משיח !...

ד ו ד

לאַכט

איך בין דאָך משיח. —~~פֿע, בע, בע, אוי אַ~~ — ווער וועט דיר גלויבן ? די פּרעסע גלויבט נישט. אייניקע צייטונגען שווייגן גאָר אינגאַנצן. אַנדערע לייקענען. און משיח רופֿט דיך קיינער נישט. „אַ מאַגנאַט פֿון הינטערן טייך סמבטיון, אַ מאַגנאַט פֿון די עשרת השבטים.״ אַ רוחן זייער מאַמעס מאַמען אַריין.— אַ מאַגנאַט פֿון אינדיען, וואָס רופֿט זיך משיח.״—באַשרייבן אַנדערע „אַ מאָסקעוויט״ שרייבט די אַראַבישע פּרעסע. אַ פּאָפּלעקציע זיי אַלע אין די קישקעס אַריין. זיי וועלן אָנהייבן אויספרעגן. זיי האָבן ראַדיאָ און טעלעגראַפֿן. וואָס, דו קענסט נסים מאַכן ?— אַ מאַגנאַט, יהודה, לאָז זיין אַ מאַגנאַט. אַ גאַנץ שיינער נאָמען און זאָל זאָל זיי אַ קאַלטער דונער נעמען. מיר מוזן די געפֿאַר פֿאַרמיידן.

י ה ו ד ה

איך בין משיח — האָב איך געזאָגט. געלט, געלט... וועט קיין

געפאַר דערלאָזן. סצענע. באַוועגונג אין לאַגער. מען גיט סיגנאַלן. עס טאָגט. מען קומט. — גיי.

דוד אָפּ. ער אַליין. פּויזע.

„זאָג קלאָר וואָס דו ווילסט". — זאָג קלאָר וואָס דו ווילסט?... מאַכט וויל איך... גענוג!... מאַכט? — און איך ווער דאָ שלאַף און שלאַפער, ווי מיינע לונגען וואָלטן נישט קענען פאַרטראָגן די לופט אויף דעם באַרג דאָ. ער לאַכט דער טייוול האָט זיך אין זיין עק פאַרפּלאָנטערט און ער איז איצט אַליין זיין געפאַנגענער: — הייליק איז דאָ יעדעך שטיין, יעדער שפּאַן ערד. צו דעם שטיין האָט אַוודאי משה גערעדט: „גיב וואַסער, אַז דו וועסט זיין ווידערשפּעניק וועל איך שלאָגן". פּאַטשט צום שטיין גיב וואַסער... אַז דו וועסט זיין האַרט און איינגעשפּאַרט ווי דו ביסט וועל איך שלאָגן... שלאָגן?... יאָ שלאָגן, איז געווען די אַקס פון וואָגן ווען ער האָט די וועלט איינגעשפּאַנט זיין וואָגן צו שלעפּן. בעטן און ברכות בענטשן איז די נויט פון דעם הייליקן דערפאַר איז שלאָגן פון תּמיד די גאָב פונעם שטאַרקן. שטיין, גיב וואַסער, אַז נישט וועל איך שלאָגן... פּויזע ניין, נישט וואַסער וועל איך. אין מיין לאַגער האָב איך גענוג פון דעם מין. און אַז איך בין דאָרשטיק האָב איך אַ בעסערן געטראַנק, טרינק איך וויין. און וואָלט וואַסער איצט מיין וווּנש געווען, שטיין, דו וואָלסט געגעבן... איך וואָלט געשלאָגן ביז דו וואָלסט געגעבן!... סצענע. מענער פון פּרימיטיווע אינסטרומענטן. דוד און עטלעכע פון זיינע קומען אַרויף מיט זיי יונגעלייט און מיידלעך. קליינער יינגל גייט פאָראויס. צערעמאָניאַל.

דוד

טראַאי-ביאַל-טריאַל. קניט מ-ש-י-ח!.. צו די חלוצים זיין גנאָד דער האַר משיח וועט אייך אויסהערן. וואָס פאַרלאַנגט איר. ווער איז דער עלטסטער?

חלוצים

דערשראָקן

משיח טאַקע? ער אַליין? משיח? זיי אַמפּערן זיך. ענדליך קלייער יינגל פאָראויס עקסאַז. ברוך הבא דעם האַר משיח..

יהודה

שלום צו אייך, מיינע ברודער. קומט נענטער

אַלע

אויסער צבי

ברוך הבא, משיח... ברוך הבא, משיח'...

יהודה

גערירט

ווער האָט אייך דאָ אַהער געשיקט?

ערשטע חברה

קיינער נישט, אונזער נויט, דערלייזער!...

יהודה

איר מוזט אַוודאי זיין הונגעריק. שוין לאַנג נישט געגעסן??!

ערשטע

נעכטן איז געוואָרן דער דריטער טאָג, ווען מיר האָבן דאָס בצמצומדיקע ברויט פאַרלאָזן.

צווייטע חברה

און מיר זענען אַוועק אויפן וועג משיחן צו געפינען.

קליינער יינגל

עקסטאַז

אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר גאָט!...

יהודה

וואַרפט צו זיי געלט

צו עסן וועט איר אויך באַלד קריגן.

ערשטער חלוץ (צבי)

מיר ווילן נישט קיין געלט, האַר.

אַלע

מיר ווילן נישט קיין געלט, — האַר משיח!

יהודה

פויזע, דעם קאָפּ געזונקען, עקסטאַז

וואָס דען ווילט איר? אָרעמעלייט. הונגעריקע און אָפּגעריסענע און ווילן נישט קיין געלט? וואָס דען קען אייך משיח געבן?

ע ר ש ט ע ח ב ר ה

עקסטאַז

דערלייזונג! דערלייזונג!... האַר משיח!...

אַ ל ע

אויסער צבי

דערלייזונג... דערלייזונג,..

י ה ו ד ה

שטרענג

פראים זענט איר, שיכּורים אָדער משוגעים? משיח האָט גאָר עסן, קליידער און געלט פאַר אייערטוועגן. דאָס אַלץ האָב איך געזאָגט!

ע ר ש ט ע ח ב ר ה

הייל אונז, האַר. הייל אונז, מ·ש·י·ח!...

אַ ל ע

הייל אונז... דערלייזונג... מ·ש·י·ח!...

י ה ו ד ה

געגנוג!!!...

ער קערט זיך אָפּ

ד ו ד

„ט.'אָ-יאון-סעאָן ביאלל ביאל". ער און זיינע קניען, אלע אָפּ

י ה ו ד ה

צו צבי

ווי רופט מען די שטאָט דאָרט לינקס?

ע ר ש ט ע ר

צפת-האר

ה ו ד ה

צפת די הייליקע?

אַ ל ע

יאָ, משיח!...

י ה ו ד ה

צפת [illegible]

ערשטער

ניין, האַר. מיר זענען חלוצים, מיר אַרבעטן אין גליל.

יהודה

חלוצים פון גליל גייט אין לאַגער. איך הייס אייך געבן עסן.

ערשטע חברה

איך בין נישט הונגעריק, די פרייד האָט מיר דעם הונגער פאַרטריבן.

אַלע

אויסער צבי

מיר זענען נישט הונגעריק, משיח!...

יהודה

גערירט, באַהערשט

און דו—מיין—ווי הייסטו?

קליינער יינגל

שלמה, שלמה, הייס איך.

יהודה

שלמה, דו ביסט הונגעריק?

קליינער יינגל

איך בין נישט מער הונגעריק, איך פריי זיך. איך פריי זיך אַזוי, משיח;...

יהודה

נעמט דעם יינגל אין שויס

מיין קינד!—איר פרייט זיך?

אַלע

אויסער צבי

מיר פרייען זיך!

יהודה

צו צבי

און דו פרייסט זיך נישט? ווי רופט מען דיך, מיין ברודער?

קליינער יינגל

צבי, צבי הייסט ער.

יהודה

צבי, וועגן וואָס טראַכסטו—יאָ נישט בייז?—וואָס פאַראַ אַרבעט טוסטו?

ערשטער

איך בין פון פאַך אַ שטיינער-קלאַפּער. איך קען אויך שיך פאַרריכטן. נאָר שוין צוויי יאָר, אַז איך בין אַ פּאַסטעך. איך פּאַשע שאָף און שרייב געדיכטן.

יהודה

דו האָסט, מיין זון, פיל מלאכות און פון אַלע קיין פרנסה נישט. דו ביסט אויך אַ פּאָעט.—וועמען באַזינגסטו אין דיינע פערזן?

ערשטער

משיחן... די גאולה... צוויי בענדער, האַר.

יהודה

פאַרוואָס איז דיין פּנים איינגעפאַלן, פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריק, מיין ברודער?

צבי

די בייזע קריטיקער! זיי זאָגן: נישט ליטעראַריש.

יהודה

נישט ליטעראַריש.—ווי אין איראָפּע. ליטעראַריש איז דאָרטן אַ פאַרטיקע פּרוכט. אמת, צייטיקע עפּל, וואָס פאַלן אַליין פון בוים אַראָפּ. זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט פאַרזוכן דעם טעם פון וואַקסן, זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט בליִען. דו, מיין זון, דו ביסט אין דיין שטאָט פאַרוואַקסן. דו ביסט פיל-בלוטיק און אין וואַקסן, אַליין אַ בוים. דו ביסט אַ נביא.

ערשטער

עקסטאַז-פרייד

פון מיין האַרץ. פון מיין האַרץ—האַר משיח!...

יהודה

גיי, מיין זון, און זאָג נביאות—וואָס דו האָסט געזען.

ערשטער

עקסטאַז, זינגט

שירו לד׳ שיר חדש. אַאַז״וו.

אַלע

באַגייסטערטע, זינגען

„שירו לד׳ שיר חדש״.

סצענע

יהודה מיט געמאָסטענע טריט גייט אין לאַגער אַפּ. אַלע ווי היפּנאָטיזירט גייען אים נאָך, זינגען:

„בשרו מיום ליום ישועתו״.

די בינע איז אַ ווייל ליידיק. געזאַנג הינטער די בינע ווי אין אַ פּראָצעסיע.

יהודה קומט פון אַ זייטיקן וועג. ער שווייגט, טיף און געבראָכן. געזאַנג פון ווייט.

„בשרו מיום ליום ישועתו״...

יהודה

ענלעך ווי פון זיגען

אויף... פונדאַנען גייט מען נישט צוריק!... דאָ האָט גאָט און מענטש ביי איין טיש פון איין שיסל געגעסן! געזאַנג פון הינטער די בינע. ווייט „כי בא, כי בא לשפוט״...

יהודה

אויף... אויף... דאָס גליק שפּילט מיר, מיין מזל איז מיט מיר!...

ער קען נישט. — זיין קאָפּ זינקט מאַכטלאָז. פּויזע.

דוד

תבל ב־צ־ד־ק... ער לאַכט און קלויבט אויף דאָס געלט פון דער ערד. צו יהודה: אוי אַ רוח׳ן דיין — כאַ־כאַ־כאַ.

געזאַנג ווייטער און טיפער.

פאָרהאַנג.

צווייטער אַקט

ערשטע סצענע

אין צפת, רבי רב משהלע אין זיין חדר שפעט אין דער נאכט. פון דרויסן: טומל, געזאנג און מוזיק. מען זעט דורכן פענצטער מאסן מענטשן מיט ליכט אין די הענט איילן זיך. זינגען.

שלמה

רבי, מען טאָר זיך נישט אין אַזאַ שעה איינשפּאַרן. איר זעט אַלע גייען מקבל פּנים זיין—קומט איר אויך.

רבי

שלמה, מען טאָר נישט. מען מוז נאָך צוואַרטן. אָט זיץ איך שוין דעם פערטן טאָג און וואַרט—ער איז מן השמים? אוודאי. דער געדאַנק אין זיין געלייטערטן ליכט.—די שמחה... אוודאי, אַוודאי!.. אָבער עס פעלט נאָך עפּעס—און פּאַרטרוייערט שלמה, דריי מאָל אָנגעצונדן און אַלע דריי מאָל אויסגעלאָשן. מיט כוונה אפשר חלשות הלב.—אפשר, אָבער, אָבער ס'האָט זיך פאָרט אויס־געלאָשן?!...

שלמה

בסוד

רבי, אין דער ספירה יסוד האָט ער אַליין דער טשערמעצער זאָל לעבן—געזען אים אין ציון.

רבי

לאכט אין עקסטאַז

~~לע־לע~~! אַזוי, אַזוי, אַזוי... איז גאָר די כוונה, ממש די ה' ברכות למטה...—~~לע־לע~~... אָבער!...

שלמה

קומט, רבי, אַז איר וועט אים זען אין פנים, וועט איר דאָך אוודאי זען !...

רבי

שווייג, שווייג שוין, שווייג—און צווינג נישט אויף מיר אַרויף אַזוינס וואָס איך טאָר נישט. אויב דו רעדסט נאָך איין מאָל— בין איך שוין אויף דיך גוזר, אַז דו אַליין טאָרסט אויך נישט אַהין גיין.

שלמה

ברוגזדיק

מילא, אַז דער רבי וויל נישט—וויל מען דאָך נישט !

ער גייט צום פענצטער. דער אין א ווינקל שווייגט. מען הערט אין דרויסן שיסן, געוואַלדן און געלייף

שלמה

פון פענצטער

רבי, מען שלאָגט !...

אַ יידענע

פארן פענצטער

~~רבי~~ געוואַלד, געוואַלד, רבי, די זעלנער, זאָלן זיי נאָר ווערן אויסגעריסן, האָבן מיר דעם טשיפּיק אַראָפּגעריסן,

אַ ייד

פארן פענצטער

רבי, געוואַלד, ווו דער רבי ?—מען שלאָגט, בלוט גיסט זיך אין די גאַסן. מען שלאָגט, מען שלאָגט—ראַטעוועט !...

שלמה

רבי.—די מלוכה שלאָגט ?... רבי !...

שטימען פון ווייט

הו·שע·נא למ·ע·נ·ך אל·הי·נו...

מש·יח... משיח...

סצענע

דער רבי שווייגט, שלמה שטייט אנטקעגן, פאַדערנד. באלד פון דרויסן. מען הערט באַפעלן פון רייטער אויף פערד

לאָזט די יידן!... לאָזט די יידן!...

מוזיק, פרייד, געזאַנג, העלער און העלער.

שלמה

רבי, די ענגלישע מלוכה איז מיט אונז. די ענגלישע מלוכה רבי...

ער צעשאָקלט זיך

ברוך אתה יי אלהינו מלך העולם שהחינו וקימנו והיגיענו לזמן הזה..

רבי

ער רייסט זיך „קריעה" אין דער קאַפּאָטע.

פאָרהאַנג.

צווייטע סצענע

נאַכט אין ירושלים. אין פּאַלאַץ ביי שושנה וואַנוועלע.

שושנה אַליין, זי טראָגט אַ שיין אָוונט־קלייד. פאַרן שפּיגל, פאַרריכט איר טואַלעט

שושנה

שיין... וווּנדערלעך... דאָ אָ די רויז... אַ שפּאַניערין... אָ, מעכ־טיקער... צו דיר אין דיינע אָרעמס... משיח... עקסטאַז, פּויזע אָך, שוין... איך און מיין אייגן־ליבע?... מען טאָר זיך נישט אַזוי ליב האָבן... מען טאָר זיך נישט אַזוי ליב האָבן... ער איז דאָך משיח? מ ש י ח... און איך? אַז איך בין שיין וווּנדערלעך, פּרעכטיק, שמעכטיק שיין?... מ ש י ח??? ער איז אַלעמענס, דער גאַנצער וועלט... אַ שטייגער איך אַליין האָב אויף אים גע־האַפּט... געהאָפּט יעדער שעה, יעדער מינוט, יעדער רגע. מיין—מיין גאַנץ לעבן... ~~אַזוי~~ דאַרף מען קניען אָט אַזוי, די האַנט קושן? אָדער קושן און קניען?—קאַטאָליקן קושן. מחמדאַ־נער קניען. אייראָפּעיש...

שלום.—שלום לך, האַר משיח... שלום לך, מיין האַר מ ש י ח... די קונסט איז אָבער איינהאַלטן—זאָגן די פּאָעטן—און די ליבע אוודאי און אוודאי באַהערשן, איינהאַלטן!... ער איז דאָך אויך נאָר אַ מאַן... אַ מאַן... ~~אַזוי~~... מיין... מיין... פּויזע. יאָ, דעם גט...

זי קלינגט, אַ באַדינער קומט אַריין

אחרון. ~~איך בעט אייך~~ רופט גלייך דעם חכם.

אחרון

באַטראַכט איר

מאַדאַם.

שושנה

דאָס אַלץ. אַז ער גייט נישט ס׳איז שפּעט, שנעל, אחרון.

אהרון

ליבסטע... טייערע... נאָענט איך ליב דיך. פאַלט מיין ליבע, מיין טייערע...

שושנה

שרעק. צו זין

פון זינען אָדער שיכּור. אחרון, אחרון, ווייסט איר וואָס איר רעדט? שטייט אויף.

אחרון

שושנה. מיין געליבטע. שושנה וואנגוועלע דע מיטלטאָן האָב איך ליב!...

שושנה

קלינג

איר זאָלט שוין אויפשטיין. איר זענט פון זינען. וואָס? איר מיין באַדינער, מיין פּאָרטיער. איר האָט די העזה אייער האַרין פאַר אייער געליבטע צו מאַכן?

אחרון

איך הייס נישט מער אחרון, ראשון, ראשון איז מיין נאָמען. נישטאָ מער האַרן און באַדינער. רייך און אָרעם. גלייכהייט, פרייהייט און גלייכקייט. אַלע זענען גלייך. איך ליב דיך, שו-שנה. משיח איז געקומען.

ער קניט און קושט איר די הענט.

שושנה

שטיי אויף גיכער, אחרון. צו זיך אַז ווער וועט אָנקומען. גיכער, אחרון—חבר, חבר ראשון.

אחרון

קוש מיך אַפריער, מיין געליבטע.

שושנה

שרעק

איך בין משיחס געליבטע. נישט אייערע. חבר אחרון, חבר ראשון—זיין געליבטע. משיח וועט אייך שעלטן.

אחרון

דו, משיחס געליבטע?

שושושנה

יאָ, און ער קומט באַלד.—חבר אחרון, חבר ראשון.

אחרון

משיח !... דעם שענסטן חלק נעמסטו דיר?! און אונז אָרימע—וואָס?—טאָר דען משיח לעבן מיט אַ ווייב?

שושנה

איר לעסטערט, מען טאָר נישט אַזוי רעדן.

אחרון

משיח... איך וויל אויך חתונה האָבן און מיט אַ ווייב לעבן.

שושנה

גוט, זייער גוט, איר זענט פריי, איך גיב אייך אַ חודש פריי. גייט און זוכט אָפּ אַ כּלה און האָט חתונה.

אחרון

איך האָב נישט קיין געלט.

שושנה

גיט אים באַנקנאָטן

צוויי הונדערט פונט וועט זיין גענוג? מאַכט אַ גרויסע שמחה, פאַרבעט אַלע אָרעמע, גיט זיי עסן און טרינקען וויפיל זייער האַרץ באַגערט. מיין ווײַן-קעלער, מיינע שפּייכלערס און קיכן זענען פאַר אייך אָפן. גייט און זאָגט זיי אַלעמען. און לאָזט אייך אַלע פריילעך און פריילעך זיין.

אחרון

הידד מאַדאַם! הידד מיין ליבע! הידד דיר, משיח! אָפּ

שושנה

אַריין, אין עקסטאַז אויפגייענד אַ לענגערע ווײַלע. חכם אביגדור נגיד וואָן דע מיטעלטאָן. אַן אַקאַדעמיש סטאַטעטשנער מאַן אג[illegible]די פופציקער, קומט זי וואַכט אויף ענדלעך!

חכם

שלום דיר, שושנה.

שושנה

מ ט ווידערווילן

שלום.

חכם

ער באַמערקט איר קלייד און ער גיט בלויז אַ האַלבן אויסדרוק. ער קושט איר די האַנט

אין אַלץ מעג דער מענטש אַן אָנטייל נעמען, אַנטקעגן דעם. אָבער מען טאָר זיך נישט פאַרלירן. אַנטקעגן דעם שושנה, האָסטו שוין אויך געהערט דאַן זיי מיר מוחל, איך בעט דיר. לאַכט די באַראָנעסע יעטיטא שאַלאָמאַכאָוונאַ אשכנזי האָט מיט איר דינער אָן חופּה וקידושין און אין דער עפנטלעך חתונה געהאַט. אַזאַ חוצפּה! מען זאָגט אפילו, אַז דער פאַרשוין, דער נייער באַראָן הייסט עס, האָט די פאַליקע קרענק. נאָר ער איז משיחס אַ קרוב.

שושנה

אַ דאַנק פאַר דער אינפאָרמאַציע. דעם חכם אינטערעסירט זייער די געהיימנישן אין די שלאָף־קאַמערן און דער געזעלשאַפט. ווי די ?רעפּין חייה יענטע פון ניגערעטע, אונטער די טירן זיך איי נצוהערן. אָבער ס׳מאַכט נישט. ניין, ניין! דער חכם האָט ד ערפון פאַרגעניגן!??...

חכם

זיי מר מוחל, שושנה. דו האָסט מיך גאָר אינגאַנצן שלעכט פאַרשטאַנען. אַך, שוין, נו׳—פאַרוואָס אַזוי בייז?—שושנה. איך האָב גאָרנישט געמיינט. איך האָב נאָר געוואָלט, מיין טייערע—דערציילן דיר פון דער אַזויגערופענער צעשטרייונג, וואָס ס׳גרע־ניצט זיך אַזש מיט משוגעת, וואָס ס׳הערשט איצט אין אונזער צייט. אַשטייגער אָט האָבן די אשכנזים אין צפת...

שושנה

אַ שיינעם דאַנק, [illegible]. איך וויל נישט הערן. באַוואָרנט בעסער אייך אויף פריער. שליסט אייך אָפּ אין אייער לאַבאָראַטאָריע. פאַרטיפט זיך אין אייערע וויסנשאַפטן, מאַכט אייך נוצלעך אַזוי איר קענט.—שאַפט, מיינעטוועגן, אַ נייעם פולווער, כדי אויף דער יאַכט די פייגל לייכטער און גרינגער צו טרעפן, לאָזט די צייט און דער עיקר, לאָזט און זאָרגט נישט פאַר מיר איך פרעג אייך נאָכאַמאָל, ווו איז מיין גט?

חכם

דאָס איז גאָר אַ נאַרישקייט. זיי מיר מוחל, שושנה, דו קענסט נישט דעם מאַן, דעם משיחן מיט וועמען דו ווילסט חתונה־האָבן. — דו האָסט אים נאָך אַפילו נישט געזעען?

שושנה

איך קען נאָר נישט קיין פולווער מאַכן, אָן בליי און שוועבל. איך קען צו אַ מאַן פאַרהייראַט זיין און אים אַפילו נישט האָבן געזען.

חכם

הם. דאָס איז עס! זיבער אַז דער משיח וועט דיר נישט וועלן. — אַשטייגער, עס קען דאָך זיין, אַז ער וועט דיך נישט נעמען — הם. דו ביסט מיר מוחל, אמת?

שושנה

וועל ביי אים זיין דינסט ווערן, זיינע קליידער באַרשטן, זיינע שיך פוצן.

חכם

אָט האַ! דאָס איז עס! האָסט שוין אַמאָל געאַרבעט! דאָס איז עס! דאָס איז עס! אָבער דו זעסט?

שושנה

וואָס?

חכם

דאָס איז עס דאָס! הם. דיין קלאָרער גייסט, הם, איז אויך פאַרכאַפּט געוואָרן. דאָס איז עס!

שושנה

שפיגלט זיך פאַרטראַכט

און דו, גלויבסט דען נישט אין משיחן?

חכם

אויפגעלעגט

אין אים גלויבן. — און דו, זאָלסט! מיר עס נאָך פרעגן? — בו. געוויס, אַ מאַגנאַט, אַ מיליאָנער. איך האָף אַז דאָס לאַנד וועט צו אים נישט דערלייגן. ער וויל זייער כבוד האָבן. מילא, וועלן מיר אים כבוד געבן. אַגב, ס׳איז נאָך קיין זאַך נישט

באַשטימט. דאָס הייסט, קיינער ווייסט נאָך נישט אויף זיכער וואָס ס'זענען זיינע פּלענער. איך האָב איצט אויסדריקלעך געבעטן דער רעגירונג, אַז ס'זאָל אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרבאָטן ווערן „משיח" זיך צו רופן

שושנה

שווייגט אַ וויל

גלויבסט אין גאָט?

חכם

שווייגט און אומאַרמט איר

איך בעט דיר, נאָך וואָס אָט די קאָנווענציאָנעלע פראַגן — מיין טייערע!

שושנה

דאָך!

חכם

אויף וויפל איך קען מיך אָן אים באַגיין, דאָס גלויב איך יאָ.

שושנה

איך בעט דעם חכם זיין ערנסט.

חכם

איך מיין טאַקע ערנסט. טאַקע, גאָט? — אָבער הער זיך איין, אמת מען קען תמיד רויק און זיכער זיין מיט אַזוינע וואָס גלויבן יאָ. אמת, עס טרעפן אויסנאַמען. אַשטייגער רוסלאַנד. זעסטו, דאָס איז עס וואָס איך זאָג תמיד: שטרענגער גלויבן איז פאַנאַטיזם, איז געפערלעכער פון נישט גלויבן. אַפילו פון אַטעיזם. רוסלאַנדס אומגליק איז זייער גלויבן אין גאָט און אין זייער אויסגעוויילט זיין — האָט נאָר היינט אַ נייע וועלטלעכע פאָרם אָנגענומען, אָבער פאַנאַטיקער, געפערליכע פאַנאַטיקער, זענען זיי די אייגענע. אָבער ענגלאַנד. אָבער גרויס-בריטאַניע!! דאָס איז עס: — דער גאָלדענער מיטלוועג — דער גאָלדענער וועג. פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל.

שושנה

גלויבסט אין מיר?

חכם

קושט איר

שושנה!...

שושנה

אויף וועלכן וועג גלויבסטו מיר?

חכם

איך ליב דיך.

שושנה

דו ליבסט מיך.—יאָ—אויף וועלכן וועג?

חכם

אינגאַנצן.

שושנה

אינגאַנצן?

חכם

אינגאַנצן.

שושנה

האָסט איצט געזאָגט?

חכם

אין די רייד, ער אומאַרמט איר

טייערע, אָבער דו ביסט מיינע, אינגאַנצן, אינגאַנצן.

שושנה

זי ווערט זיך. גייט צום פענצטער

זע. אויפן הימל אַ פולע לבנה. וויפל טעג אין חודש האָבן מיר היינט?

חכם

קוקט און אומאַרמט איר

אַ פולע לבנה!?

שושנה

עס איז דאָך היינט אָנהייב חודש. דער הימל איז פאַרוואָלקנט. עס רעגנט דאָך גאָר.

חכם

דאַכט זיך עס רעגנט.

שושנה

ניין. עס שנייט גאָר. זע! ווי שיין! העלע ווייכע קווייטן און בלומען פאַלן, פאַלן פון הימל אַראָפּ, און די גאַס, ווייס ווי מיט פּוך פאַרשאָטן. וווּנדערבאַר. זומער און אין ירושלים.

חכם

קושט איר לײדנשאַפטלעך

טאַקע שיין.

שושנה

ניין. עס איז דאָך גאָר די זון—נישט אמת—חכם. שטראַלן, שטראַלן פון דער זון בינדן זיך אָפּ, אָ-אָ-דאָרטן—זע, אויפן באַרג, פון באַרג. וווּנדערבאַר!... עס איז איצט געווען נאַכט.

חכם

ש-עק

הם—די זון? הם.

שושנה

יאָ, אַ ליכט איבער ציון. אַ ליכט אין דער נאַכט,
יאָ, ~~שטערער~~ אין דער פינצטערניש... גאָט... זי כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ,
אוי, מיין קאָפּ...

חכם

שושנה. טייבעלע... וואָס שטרענגסטו זיך אַזוי אָן. וואָס איז דיר? וואָס איז דיר? זע נאָר וואָס פון דיר איז געוואָרן. וואָס איז דיר געשען? טייבעלע, שושנה, טייבעלע מיינע...

שושנה

בין טיפן עקסטאַז מיט אַ פינגער אויף זיין מויל

שוו-ייג...

חכם

קושט איר דעם פינגער און די האַנט

פון דער מיליטערישער סטאַציע, דער פּראָזשעקטאָר. אדרבה זע. וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? דזשענעראַל עטשס געבורטטאָג. נו ביטע.—דער פּראזשעקטאָר. טייבעלע לאַכט.

שושנה

פראָזשעקטאָר?

חכם

לאַכט

געוויס. און וואָס האָסטו געמיינט? אַוודאי אַ נייע ערד-ציטער-ניש! אַוודאי, די זון האָט זיך איבערגעקערט... אָ, ביסטו אַפּערגלויביש, מיין טייבעלע... אָבער דו ווערסט מיר היינט זיין גוט, שלעכטינקע. אי. אי. אי.

שושנה

האָסט געטרונקען?

חכם

נישט מער פון איין טאָסט פאַרן דזשענעראַל. איך בין אָבער פון דיר שיכור, טייבעלע. דו זעסט מיר היינט אויס—נו, ווירקלעך גאָר, גאָר... הם... וואָלסטו אַזאַ שלעכטינקע נישט געווען, און דו וואָלסט מיט מיר מיטגעגאַנגען—מחמד אַלי, וואָלט אויף דיר קוקנדיק צעפּיקערט געוואָרן. הערסטו אַ „דינער", האָט ער אַ „דינער" געגעבן! „אויסטערס אלא—פּעטי". און אין פּוטער געפּרעגלט. צו צוויי פּאָרציעס אַ פּאָרשפּייזע, מחמד אלי האָט אין זיינע פלעצל פאַרגעסן. און ביף, ביף אלא ענגלייז. אַ גע-ניטער בעל-עבירהניק דזשענעראַל עפּש. אי, אי, אי.

ער רעדט צו איר שטיל אויפן אויער.

שושנה

גייט אָפּ פון פענצטער

חכם

נאָך איר

נאָר זאָג דעם אמת, נאָר זאָג דעם אמת, טייבעלע. אָבער עס טוט דיר כאָטש באַנג?

שושנה

זיצט

וואָס עפּעס זיצט? ס'אד שוין שפּעט. קים, טייבעלע. אי, אי. קום שלאָפן.

שושנה

מאַכט זיך פריי

הא?... זי ברענגט טינט און פעדער שרייבט דעם גט.

חכם

וואָס?

לאַכט, אומאַרעמט און קושט איר

שושנה

שלאָגט אים מיט די פויסטן

לאָזט — ניין!

חכם

וואָס?

שושנה

געמיינער... יאָ! שרייבט דעם גט!

חכם.

וואָס? הא? דו, דו ביסט פון זינען.

שושנה

רויק

זייט מוחל דאָך, חכם!

חכם

ניין, ניין! דאָס ניין! דו ביסט מיר תמיד אומגעטריי. דו האָסט מיך תמיד פאַרראָטן. איך ווייס.—דו, דו,—אָבער אַ גט האָסטו קיינמאָל נישט פאַרלאַנגט.

שושנה

נישט אמת, בעסער מעסיקט זיך. עס איז נישט אמת!—איך קען זיך נאָר איינגאַנצן געבן. מיטן גאַנצן לייב און לעבן. פון דער גאַנצער זעלע.—איינגאַנצן!... אָדער גאָרנישט... איר האָט מיך קיינמאָל נישט געהאַט. איר און זיי אַלע—איר זענט שקלאַפן, קנעכט, פראַזע און וואָרט-קנעכט!...

מען הערט מוזיק און געזאַנג איינדרויסן, איצט נאָענט. שושנה אין עקסטאַז

מ־ש־י־ח!...

זי לויפט צום פענצטער

שרייבט דעם גט! שרייבט דעם גט!

זי עפֿנט דאָס פֿענצטער. שרײַט

אַרײַן! אַרײַן! אַלע אַרײַן!...

סצענע. [illegible]

אָפּגעריסענע בעטלער, קאַליקעס, װײַבער, מענער קומען טאַנצנדיק. —

אהרון צװישן זײ

ש ו ש נ ה

אַרײַן! אַלע אַרײַן! פֿרײלעך, פֿרײלעך זאָל אײַך זײַן!

אַלע, זי צװישן אין עקסטאַז, טאַנצט

פֿאָרהאַנג.

דריטע סצענע

אין זעלבן זאַל. העלער טאָג. משיח אויבנאָן אויף אַ טראָן. ער טראָגט אַ בלוי־ווייסע הילע. אויפן קאָפּ אַ פּורפּור־טורבאַן אין פּ־אָנט פֿאַלט אַראָפּ אַ שלייער. — מען זעט נישט זיין פּנים. פֿון ביידע זייטן צוויי פֿליגלען, אַ סוויטע: דאַמען און הערן, דיפּלאָמאַט, און גייסטלעכע, אייניקע אין ענגלישע אוניפאָרמען. אַלע שטייען משיח זיצט. שושנה לעבן אים לינקס, רעכטס דוד בן ישראל. מ. זיק שטאַרבט אָפּ אין דרויסן.

ענגלישער גענעראַל

זיין מאַיעסטעט-רעגירונג האָט מיר אויך באַפוילן דעם עקסע-לענץ און גרויסן משיח צו זאָגן: דאָס ענגלישע פֿאָלק האָט אימער געהאַט גוטע געפילן פֿאַר אייער פֿאָלק. דאָס ענגלישע פֿאָלק האָפט אין פריינטשאַפט מיט אייך ווייטער צו לעבן. איך בין באַפוילן אייך אָנצוזאָגן די גרויס-בריטישע קרוין טיילט אייך צו דעם כבוד אייער עקסעלענץ איז דער ערשטער פּיר פון זיי אָן. און דאָס הויכע ענגלישע לאָרדן-הויז שעצט דעם כבוד און לאַדט אייך איין, עקסעלענץ, פּיר פון זיי אָן, אַלס לאָרד פון גרויס-בריטאַניע אין הויכן לאָרדן-הויז אויפצוטרעטן.

סצענע.

בייפאַל פֿמעט אַלע. זיי נייגן אַלע מיט די קעפּ. מוזיק.

נאָטאַבל

לייענט פֿון אַ פּאַפּיר

דער אוניווערזיטעט אין ירושלים באַגריסט משיחן.

באַלעט: זון־אויפגאַנג טאַנץ.

נאָטאַבל

זיין דורכלויכט דער פּויפּסט אין רוים דורך זיין געזאַלבטן פאַרטרעטער, קאַרדינאַל סענט אַווגוסטין־עקסעסלענץ!

קאַרדינאַל

(ער טראָגט אַ תּורה, פֿאַרנייגט זיך פֿאַר משיחן. דוד נעמט. ער קומט צוריק אויף זיין פּלאַץ. בייפֿאַל פֿון אַלע.)

זיין דורכלויכט דער פּאַפּסט אין נאָמען פֿון גאָט, פֿאָטער, מו־טער און הייליקן גייסט־גענאַדע, האָט מיר באַויפֿטראַגט דיזע מתּנה אייער משהס תּורה צו געבן אייך.

עקסעלענץ! גאָטעס קירכע אַנערקענט קיין אַנדערן משיח אויסער יעזוס קרייץ פֿון נאַזאַרעט! זיין דורכלויכט דער פּאַפּסט איז אָבער נישט דערגעגן דער וועלטלעכער מאַכט און די אויסערע מאַטעריעלע גאָב, וועלכע איר העלפֿט ישׂראל. זיין דורכלויכט דער פּאַפּסט שיקט אייך זיין ברכה און ווינשט אייך, עקסעלענץ אַ לאַנג לעבן אמן.

(בייפֿאַל טומל. מוזיק.)

גאָטאַבל

די אגודת הסופֿרים באַגריסט משיחן. מר בן אדם.

בן אדם

(פֿאַרלעגן, שרעקעוודיק, טראָגט אַ שיין געבונדן בוך. ער נייגט זיך מערער מאָל. דוד נעמט.)

מאַי לאָרד, עקסעלענץ, משיחן אַ מתּנה. אַן אַלבאָם מיט די בילדער פֿון אונזערע אָנערקענטע פּאָעטן, דערציילער און עסיי־יסטן. על כּן, מאַי לאָרד, עקסעלענצן, באַגריסן מיר און הלוואי טאָקע עס זאָל זיין מיט מזל. און מיר דאַנקען אַלע און מיר דריקן אויס געטריישאַפֿט און מיר בעטן משיחן מיט אונזער לאַגע אַן אָנזען אַ שטיקעלע סובסידיע, און הלוואי מיט כּבוד אויך.

(בייפֿאַל, איינער טומלט)

שטימען

פּרעך... פּרעך... קיין דרך־ארץ...

משיח

(גיט אַ צייכן אַ רעפּאָרטער מיט אַ פֿאָטאָגראַף־אַפּאַראַט)

רעפּאָרטער

גרויסער משיח! איך מוז פּראָטעסטירן. איך בין אַ רעפּאָרטער פֿון

דער וועלט פרעסע, פון צען מיליאָן יידן וואָס ליינען נאָר יידיש. פון טויזנטער שרייבער טאַלאַנטן, סאַטיריקער, ליריקער, הומאָריסטן, דראַמאַטיקער און פראָזייִקער. מיין „פייפער" איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אייך אַנטדעקט. גרויסער משיח! אין נאָמען פון זיי אַלעמען און אין נאָמען פון די צען מיליאָן יידישע לעזערס בעטן מיר אַ אוניווערזיטעט מיט אַלע רעכטע אויף אונזער מאַמע-לשון, אָדער אַז מען זאָל דערוויילע דערלויבן צו לערנען יידיש אין היגן יידישן אוניווערזיטעט. גרויסער משיח, איך וויל אייך פאָטאָגראַפירן, וועט די גאַנצע וועלט און אַלע יידן אונזער גרויסן וווּנדער אייער „פיקטשורס" זען.

סצענע

משיח גיט אַ צייכן, מען לאָזט נישט. טומל באַהערשט.

נאָטאַבל

זיין עקסעלענץ, דער פאַרטרעטער פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון נאָרד-אַמעריקע, מר. עמערסאָן, עקסעלענץ.

עמערסאָן

מיין רעגירונג אין וואַשינגטאָן שעצט דעם גליק דעם יידישן קעניג און גרויסן משיח צו גראַטולירן. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק ווינטשט אייך גליק און „עפּישענסי". מיין רעגירונג האָט אייך צלץ מתנה אַרויסגעשיקט פופציק-טויזנט אַרבעט-פעיקע אימיגראַנטן

נאָטאַבל

עמיר אל תמיד, עקסעלענץ

עמיר

האַללאַ-הילִיא.—משיח אברהם זיין איניקל, דו ביסט פלייש פון אונזער פלייש, בלוט פון אונזער בלוט. אין נאָמען פון אַלע רעכט-גלויביקע באַגריס איך דיך. גאָטס גענאָד זאָל תמיד זיין מיט דיר. אונזערע לענדער זענען אָפן פאַר דיר און פאַר ישראל.

נאָטאַבל

גראַף פאָן בעטעלברויט, פאַרטרעטער פון דעם ראַט פון דער פעלקער-ליגע. עקסעלענץ!

גראַף

אין נאָמען פון דעם ראַט פון די פאַראייניקטע נאַציאָנען ביי דער פעלקער-ליגע פּרעזענטיר איך דעם-אָרדן-פור-לעמערידן דעם הער עקסעלענץ און יידישן משיח. אַ, גאָטס געזאַלבטער! — אַ צייכן פון פריינטשאַפט צו אייך און אייער פאָלק. מיר לאַדן אייך איין פאַרן פעלדמאַרשאַל איבער אונזערע פאַראייניקטע אַרמעען.

טומל באַהערשט. משיח שטייט אויף. אַלע געשפּאַנט. ער גיט אַ צייכן און זעצט זיך

דוד בן ישראל

פיל דאַנק אייך, פעלקער, און אייך אַלע, עקסעלענץ און געזאַנדטע. — זאָגט משיח. גיט איבער דעם גרוס אייערע רעגירונגען און צו אייער עפנטלעכקייט: — משיחס וואָרט איז שלום. שלום צו אייך אַלע, — זאָגט משיח. גאָט פון ישראל האָט זיין געזאַלבטן צו אייך געשיקט אין געשטאַלט פון אַ מענטש, ווי מיר אַלע. גאָט פון ישראל האָט זיין געזאַלבטן באַפוילן נאָר אין דער רעאַלער וועלט, אין די ראַמען פון דעם מענטשן-פאַרשטאַנד, אין דער וועלט פון דרויסן צוווירקן און צו געשטאַלטן.

געלט... גרויסע פאַרטרעטער, עקסעלענץ און געזאַנדטע! געלט. כּע-כּע-כּע. צאָלט משיח פאַר אַלץ. און מיט געלט וועט ער זיין פאָלק אויסלייזן און די פעלקער אויף דעם הייליקן לאַנד באַפרייען. זאָגט משיח. בייפאַל

מיר האָבן פריער קלאָר און דייטלעך משיחס פלענער פאַר אייך דערקלערט. דאָך האָט דער געזאַלבטער פאַרטרעטער פון הייליקן רוים משיחן צו פרווון געפרעגט? — אוודאי דערפאַר, עקסעלענצן און געזאַנדטע, עס איז וויייניק געמיינזאַם פאַרשטאַנענע שפּראַך פאַר אַ גרויסער פאַרשטענדיקונג! אפילו צווישן די ברידער פון יהודה הערשט נישט קיין שלום.

פון הינטערן טייך „סמבטיון" פון די לענדער און צווישן די פעלקער ווו גרויס ישראל לעבט, איז שלום אַ לעבעדיקער יסוד-ווי לופט און אָטעם פאַר די לונגען. ביי אייך, צום ביישפּיל, מיר דעם שוואַרץ-הויטיקן מענטש, דעם נעגער, דערלויבט איר

צו טון נאָר נידעריקע און גראָבע אַרבעט; אייערע גאַסן רייניקן, אייער אָפּפאַל רוימען, ווו גרויס-ישראל לעבט—מיינע דאַמען און הערן — איז דער ניגער אַ געערטע פּערזענלעכקייט! כע-כע-כע. דער ניגער איז ביי אונז די זייל פון דער עסטעטישער און גייסטיקער קולטור! ווערט, צום ביישפּיל, ביי אַ ווייסע מו-טער אַ זון געבוירן, ווינטשן איר די שכנים, אַז דאָס קינד זאָל ביי איר אויפוואַקסן און אַזוי מזלדיק זיין ווי דער ניגער.

דייטשער אַמבאַסאַדאָר

פּאַרצייט, אייער עקסעלענץ, צו אינפאָרמאַציע:
„אָבער זיי שטינקען דאָך זאָ פרולטבאַר".

דוד בן ישראל

אמת, עקסעלענץ, דער איינער שטינקט טאַקע... אָבער די ראַ-סע אַלס גאַנצע רופן מיר: אַזאַ ראַסאָווע אייגנשאַפט.

עמערסאָן

זייער פּסיכאָלאָגיש. ביי אונז אין אַמעריקע, מיר האָבן אויך אַ נעגער-פּראָבלעם, אָבער די ראַסע האָט ביי אונז פּאָליטישע און קולטורעלע פרייהייט.

דוד בן ישראל

גרויסע פּאַרטרעטער, עקסעלענץ און געזאַנדטע! כע-כע-הע. פּסי-כאָלאָגיש—יאָ, פּסיכאָלאָגיש איז אויך אונזער ליניע, זאָגט משיח! איך האָף אויף דער נעקסטער קאָנפערענץ אין געמיינזאַם מיט אייך משיחס שטעלונג צו דער וועלט און צו זיין פאָלק, פּסי-כאָלאָגיש און אינגאַנצן קלאָר צו מאַכן. וואָרים עס לעבט נאָר איין מענטשהייט, און משיח איז איר געשטאַלטפולער דערלייזער.

סצענע

אין דער צייט—קולות און משיח־רופן פון דרויסן. אויף זיין ווונק איז שושנה אינדרויסן געגאַנגען. איצט, זי קומט

שטימען

ליידנשאַפט

מ—ש—י—ח...

שושנה

אָ, דערלייזער!... דאָס פאָלק וויל, אַז איר אַליין זאָלט צו זיי ריידן!

יהודה

נעם מטבעות און פאַרטייל דעם פאָלק. גיב נישט פיל. די צייט איז נאָך נישט.

אַלע

„די צייט איז נאָך נישט"...

שושנה אָפּ. קולות אין עקסטאַז לעכצנד

מ—ש—י—ח.

שושנה

קומט

גאָטס געזאַלבטער!... דאָס פאָלק וויל נישט קיין געלט! אייער אָנגעזיכט, אייער פּנים זען ווילן זיי!

יהודה

זאָלן זיי אין זיך קוקן, וועלן זיי מיך זען!

סצענע.

שושנה זינקט דעם קאָפּ אין עקסטאַז. אַלע, וווּנדערן זיך, ווייסן נישט — הזרן אי. בער: — זאָלן זיי אין זיך קוקן. די דאַמען קוקן אין זייערע טואַלעט־שפּיגעלעך

די מענער בייגן זיך נענטער צו די דאַמען און שפּיגלען זיך.

יהודה

ער שטייט אויף, פאַרציט דעם שלייער, ווייזט זיין פּנים.

שושנה

און אַלע דאַמען, ווי היפּנאָטיזירט, מורמלען
מ—ש—י—ח!...

בוקן זיך.

די מענער, איינציקווייז, איינציקווייז, בוקן זיך. יהודה, מיט געמאָסטענע, לאַנגזאַמע טריט גייט אין דרויסן אָפּ. מוזיק, פרייד דרויסן.

פאָרהאַנג.

דריטער אַקט

ערשטע סצענע

פֿאַר מיטאָג, אויף אַ גאַס אין ירושלים, אַרום אַ רעדנער-טריבונע.

חכם

אויף דער טריבונע

יידן, לאָזט זיך דינען, לאָזט זיך דינען!

שטימען

מוחל! מוחל!

אַנדערע

געננג געדינט! אַראָפּ! טומל מוחל! דרך-ארץ! אַראָפּ!...

חכם

גוט, רבותי, אַז איך בין גרייט משיחן אַוועקצוגעבן אַלץ—רבותי! און אפילו דעם שליסל פֿון אָפּיס פֿון דער קהלה

שטימען

איר וועט מוזן! איר וועט מוזן! טומל

חכם

אָבער, רבותי, ווי איז עס געהערט געוואָרן! האָט ער אונז עפּעס ממשותדיקעס געגעבן!—יידן! רבותי! האָט נאָך ווער דער קאָפּ אויף זיינע פּלייצעס אין ירושלים—אָדער מיר אַלע מיט די אשכנזים צוזאַמען זענען שכור און פֿאַרלוירן׳—גוט, לאָמיר אים אונזערע ווייבער, אונזערע הייזער און פֿאַרמעגן אויך אַוועקגעבן, און מיר אַלע, בירגער, בעלי-בתים, לאָמיר אַלע ביי אים ווערן קנעכט! איך פֿרעג אייך יידן!

אַ שכּור

נאָר אײער װײב.—דעם חכמס װײב—דעם חכמס װײב האָט זיך משיח געגומען. אָבער אונזער אײנעמס װײב? מײן װײב װיל אפילו דער טײוול אַלײן אויך נישט נעמען.

טומל. געלעכטער. מען באַזײטיקט אים.

חכם

דאָס איז עס.—שיכּרות רבותי!—מבוזה װערן אין די אויגן פון אונזערע שכנים, איך פרעג אײך:—האָט ער אפשר געפרעגט בײ מיר מײן דערלויבעניש? האָט ער אפשר איר געהײסן װײזן אַ גט? דאָס איז עס!—אַ צאָל פאַרדאָרבענע יונגװאַרג און די אַש־כּנזים װילן ירושלים און אונזער לאַנד מיט שיכּרות און מיט זנות פאַרפּלײצן!

שטימען

שקר!... שקר!... װאַרפט אים אַראָפּ.

אַנדערע

שאַ, שאַ, לאָז זײן שטיל—שאַ, שאַ!..

חכם

איך פרעג אײך, ײדן—בעלי־בתּים! פרומע בירגער! ײדן, טאַטעס פון קינדער! רבותי! און איר אשכּנזים! װוּ איז עס געהערט גע־װאָרן. פון װעמען האָט ער אַ הסכּמה? װען קומט צו פאָרן און מען זאָגט זיך—איך בין משיח——גוט אָבער װער איז דיר מסכּים? איז דער רבי דער צדיק־הדור. דער הײליקער רבי רב משהלע אין צפת מסכּים? אָדער אפשר האָט ער די הסכּמה פון דעם ועד הרבנים אין ירושלים?.. רבותי! לאָז זײן פון אײערן, אײערן, פון דעם ועד הרבנים האשכּנזים! דאָס איז עס. קנאַפּ משיחים זענען געװען אין אונזער געשיכטע? און װיפל בלוט, רבותי, האָבן מיר איבער זײ געצאָלט?... דאָס איז עס!.. טומל

צבי

איר קענט די טויטע אויפװעקן,—נאָר די טויטע!.. אונז װעט איר נישט איבערשרעקן. ירושלים איז נישט טויט, ירושלים איז נישט בלינד. װײ די אויערן װאָס הערן נישט, װײ די אויגן װאָס זעען נישט.

שטימען

שקר!.. אַ חלול השם!.. שקר! שקר!...

חכם

רבותי! דעם לעצטן רעדנער וועל איך אייך פאָרשטעלן. רבותי! אַ מאַן אונזער אַלעמענס גרויסער גאַסט, אַ מאַן, וועלכער איז באַקאַנט און באַרימט בכל תפוצות ישראל. דער באַרימטער מחבר און דיכטער פון די אשכנזים, פון אייער מאַמע-לשון-ליטעראַטור — מיין פריינט קלמן-זלמן נעם פון ניו-יאָרק, אַמעריקע.

אַ יינגל אַ טעלעגראַמע-טרעגער קומט

יינגל

שרייט

דעם חכם אביגדור נגיד [redacted] דע מ׳טעלטאַן. דעם חכם.

חכם

לאָזט, ווייזט אַהער.

דאָס יינגל גיט אים איבער. ער לייענט:

חכם

„חכם אביגדור נגיד [redacted] דער מיטלטאַן—שלום. מיר פּראָטעסטירן קעגן דעם אופן ווי משיח ליקווידירט אונזער רעכט אין די קהילות. די עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן האָט אָנגענומען די נויטיקע שריט.״

ועד העירה תל-אביב.

טומל. מען זידלט זיך.

נעם

חברים! פריינט! איר מעגט זיין זיכער, אַז דער חכם אביגדור נגיד [redacted] דע מיטלטאַן האָט געהאַט צו מיר צוטרוי.—אוודאי, וויל ער לייענט מיינע שריפטן—כאָטש ער איז אַ ספרדי און איך שרייב מאַמע-לשון. און דערפאַר ווייסט ער, אַז מיינע אָנזיכטן וועלן תמיד גיין צוזאַמען מיט דעם בעסטן פון אייערע ווונשן און דערפאַר שטיי איך איצט אויף זיין טריבונע. נישט מיט יענע היצקעפ דאָרטן,—הגם איר אַלע ווייסט שוין, אַז איך מיש זיך נישט אין פּאָליטיק. פונדעסטוועגן וועל איך אייך עפּעס זאָגן, חברים! — דרייסיק יאָר דינט ביי אייך דער

חכם אביגדור נגיד וואן דע מיטעלטאַן. איר קענט אים שוין דרייסיק יאָר—האָט דאָ עמיצער געזאָגט. היינט ווי לאַנג קענט איר משיחן?

א שטימע פון א פרוי

מיסטער נעם, איר האָט אַ ווייטע רייזע געמאַכט;—אייער חכמה איז איבערן ים אויסגעוועבט געוואָרן.

שטימען

פּאַק-איין! דער „גדוד מגיני השפה" קומט!

נעם

האָט קיין יסורים נישט! עס האַנדלט זיך דאָך ווי איך פאַרשטיי, וועגן געלט—אייער געלט אונזער געלט, קרן-היסוד-געלט. יידן, פריינדע, געלט! געלט!... און ווער ווי דער חכם אביגדור נגיד וואן דע מיטעלטאַן פאַרשטייט און פאַרטרעט אַזוי גוט אייערע אינטערעסן?

שטימען

אייערע אינטערעסן!... אייערע... זיינע....

שטימען

פּאַק-איין! פּאַק איין! פון וואַנען איר זענט געקומען.

שטימע פון אַ פרוי

מיסטער נעם! איר שרייבט שיינע דערציילונגען! אַ גליקלעכע רייזע! אַ גליקלעכע רייזע!

שטימען

אַ גליקלעכע רייזע—אַ גליקלעכע רייזע!..

נעם

פריינדע! חברים! ירושלים איז נישט טויב. ירושלים איז נישט בלינד!—האָט עמיצער געזאָגט. פריינדע! איך בין נישט טויב. איך בין נישט בלינד.—אַז אייערע יסורים, אַז אייער יום-טוב און פרייד זאָל אין מיין האַרץ קיין אָרט נישט געפינען! ברידער און שוועסטער! אייער פרייד איז מיין פרייד! אייער שמחה איז מיינע!

שטימען

פּאַק-איין! פּאַק-איין! אַ גליקלעכע רייזע.

נעם

איך בין דאָ אַ גאַסט אויף דער טריבונע פון חכם אביגדור נגיד וואַן דע טיטעלמאַן. אָבער איך בין נישט. איך בין נישט זיין פאַרטיידיקער! איר פאַרשטייט מיך נישט. איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען.— ער קערט זיך אָפּ צום חכם שקר!... שקר!...

שטימען

מיט די פויסטן

דעם קאָפּ פּלעטן!... דעם קאָפּ!... נעם!... ברודער!... נעם!...

נעם

ברידער און שוועסטער! צייט ווען איז אין ירושלים דער מנהג, אַז אָרעם און רייך, עסן און טרינקען פון איין טיש? צייט ווען האָט ירושלים אָנגעהויבן אין די גאַסן צו זינגען, צייט ווען זענט איר פּריילעך געוואָרן: ברידער און שוועסטער! אַ גאַנצע וועלט לעבט איצט איבער שרעק און פרייד:—איבער די ערדרייגעניש פון אונזערע טעג, וועגן די געשעעניש פון פאַר אונזערע אויגן—און דאָ שטייט — אַ שאַנדע... אַ חלול-השם!... לעסטערט דעם גראָשן, רעדט און שילט דעם פּיאַסטער?...

שטימען

לאָזן זיך

אַ חלול-השם!... פאַררעטער!... אַ חלול-השם!...

נעם

נישט שלאָגן-... נישט שלאָגן!... חברים... חברים!...

חכם

מיט א רעוואָלווער אין האנט

דעמאַגאָג!... די שליסלען וועל איך נישט געבן. ביז די ~~וויסנ-שאַפטלעכע~~ קאָמיסיע וועט צוריקקומען מיט אַ ראַפּאָרט.

שטימען

וואָס? נישט געבן.

חכם

און באַשטעטיקן, אַז ער איז פון די עשרת השבטים און אַן אמתער משיח!

ש ט י מ ע ן

ער וועט גישט געבן...

ש ט י מ ע

אַ רעוואָלווער?

ש ט י מ ע ן

אַ רעוואָלווער?

צ ב י

על קדוש־השם!...

ח כ ם

רוצחים!...

ער שיסט אין דער לופט

ש ט י מ ע ן

גזוואַלד!... רוצח!... רוצחים!... על קדוש־השם!... על קדוש השם!...

טומל און מען שטורמט די טריבונע

נ ע ם

נישט שלאָגן!... קיין בלוט פאַרגיסן!... חברים!... ח ב ר י ם!...

ס צ ע נ ע

מען שלעפט דעם חכם. אַ פולע און אַ פילפארביקע פּראָצעסיע. דער „גדוד תהלים־זינגער" קומען אָן.

כ אָ ר

בצאת ישראל ממצרים. א. ז. וו. איינקע צעשאָקלען זיך

„ברוך אתה ה' אלוהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו לקרא את ההלל".

כמעט אלע

הללויה הללו את שם ה'!

פאָרהאַנג.

צווייטע סצענע

אין זעלבן זאַל. אַ פּראָוויזאָרישע פּלאַטפאָרמע. אויף דער פּלאַטפאָרמע אויבן־אָן אַ שטול פאַר יהודהן. אין צענטער פאַרנעם ווי אַ טראָן. שושנה, אויף אַ טרעפּל נידעריקער, פאַר אַ שרייבטיש. זי האַלט דעם פאָרזיץ פון דעם מיטינג. גאָטאַבלען, יידן, אראַבער און קריסטן, זענען זייער אַקטיוו — קומען אין גייען אויף און אַרום דער פּלאַטפאָרם. רעכטס, צוויי טרעפּלעך נידריקער, אַ שרייב־טיש, צוויי סעקרעטאַרן מיטן רוקן צום פּראָנט זיצן שרייבן. אין צענטער, גאַנץ אין דער נידער, פאַר דער פּלאַטפאָרמע אַ לאַנגער טיש. רעפּאָרטערס און פּרעסע־אַגענטן זיצן, נאָטירן. אויף דער פּלאַטפאָרמע, ביי שושנהן אויפן שרייב־טיש, פיל בלעכענע קעסטלעך, קאַסעס מיט געלט, „די פאָנדן". אייניקע פון יהודהס לייט פאָרען זיך אַרום די קעסטלעך און שטעלן אין אָרדענונג. פיל פאָלק. מען פאַרהאַלט זיך פ״יי, יום־טובדיק. און געשפּאַנט. טומל, רויקער. דוד בן ישׂראל לעבן שושנהן לייענט פון אַ פּאַפּיר,

דוד בן ישראל

גיט אַ קוק און זעט. איך בין נאָר דריי טעג צווישן אייך און איר האָט שוין אַ נעץ פון אינטריגעס געפלאָכטן און אַרום מיר פאַרשפּרייט. כע־כע־כע, זאָגט משיח!

גיט אַ קוק און זעט. צו אייערע געשעפטן האָב איך זיך נישט צוגעריררט, אייער פּרנסה נישט אויסגעכאַפּט און איר האָט פאַר־זייט אַ שנאה, ווי איך וואָלט אייער קאָנקורענט געווען. זאָגט משיח. גיט אַ קוק און זעט. באמת, איך מוז אוודאי זיין זייער קאָנקורענט, אַז זיי האָבן מיך פיינט. נאָר נאָך וואָס פאַראַ קאָנ־קורענט?! כע־כע־כע. זיי, די פאַלשע ציינגער, פּאָליטיקער. ווי־כערער. פּאַרטיי אינטריגענטן און די אַלע דעמאָקראַטישע קליי־נע גנבים! אַז איך וויל צעברעך איך זיי ווי דער שטורעמווינט

צעבּרעכט אַ שיפל אויפן ים. זיי, זייערע הייזער, זייער אָנגע-
גנבעט האָב און גוטס. זיי, זייערע קינדער און קינדס-קינדער-
מיין גנאָד, זאָגט משיח. מיין גנאָד, ווייל איך בין הייב!
גנעדיק פאַר דעם גרויסן יום-טוב, וואָס איך ברענג די פעלקעט
אויף דעם הייליקן לאַנד. עדל-לייט פון דער פּרעסע! פאַרעפנטר
לעכט דאָס.

איך האָב קיינעם נישט געזאָגט, איך בין אייער גייסטיקער דער-
לייזער, זאָגט משיח. איך האָב דאָס געזאָגט: גייסטיק קאָן יע-
דער איינער זיך אַליין דערלייזן. כּע-כּע-כּע. איך בין געקומען
באַפרייען אייך, פון אייך אַראָפּנעמען די קייטן, וואָס זענען אייך
אויף אייער לייב ביז די ביינער איינגעוואַקסן. מאַן און ווייב,
ייד און גוי, קריסט און מוסולמאַן — אייך באַפרייען, זאָגט
משיח!... *ביפאַל*

עדל-לייט פון דער פּרעסע! פאַרעפנטלעכט אויך דאָס: *ער לייענט
פון אַ פּאַפּיר* אין ערשטן יאָר. רם. כּי רם על כּל גוים ה׳. אין
חודש יסוד, אויפן זעקסטן טאָג פון גאולת יהודה וישראל, האָט
זיין געזאַלבטער דער משיח הגואל מארצות השבטים דערהאַלטן
פון שבט יהודה פאָלגנדע געזעלשאַפטלעכע פאָנדן: דעם קרן-
היסוד, דעם קרן-הרצל, דעם קרן-הימים, דעם קרן-ההיפּאָטעק
און דעך קרן הקהילות. ווער עס וויל אויסדריקן צוטרויען צו
משיחן, אַלע וואָס זענען דערפאַר זאָלן יאָ זאָגן.

שטימען

ביפאַל

יאָ, יאָ, יאָ...

דוד בן ישראל

דאַקעגן? ווער ס׳איז דאַקעגן זאָל ניין זאָגן.

שטימע

קיינער! קיינער!...

דוד בן ישראל

עדל-לייט פון דער פּרעסע. איר מעגט אַלזאָ אויך דאָס פאַר-
עפנטלעכן, היינט איז גרויס ישראל און יהודה פאַרייניקט און
אַ בונד געוואָרן. איך בין נישט קיין ציוניסט, צו די שונאים

פון זיין געזאַלבטן,—זאָגט משיח. איך בין נישט קיין ציוניסט און איך וויל נישט קיין שותּפות אין אייער קליין פּאָליטיק! איך בין נישט קיין ציוניסט און איך וויל אייך נישט מיט הבטחות קאָרמען, איך בין געקומען אייך אויפריכטן זאָגט משיח! בירגער!... יעדער מאַן, יעדע פרוי אַכצן יאָר אַלט, ייד אָדער גוי, קריסט אָדער מוסולמאַן, אָרעם אָדער רייך, אָן אונטערשיד. איך אַנטליי צען טויזנט פונט, צען טויזנט ענגלישע פונט מזומן יעדן איינעם. זאָגט משיח!...

עקסטאַז און אויפברויז. מען קושט זיך, מען האַלזט זיך, מען וויינט.

טאַ-טעניו!... גאָטע-ניו!... הידד... משיח. הידד וחי! הידד... הידד... וחי...

דוד בן ישראל

„טראַביאָן. טרעב—יאַל—בל—יאן!" בירגער, נאָך איין ווײַלע און אייער פרייד וועט זיין קאָמפּלעט. לייענט פּופּציק ליי-באַנקן אײ· בער דעם לאַנד מיט אַ צענטראַל-באַנק אין ירושלים, עפן איך היינט פאַר אייך. פופציק באַנקן, מיט אַ קאַפּיטאַל פון דריי ביל· יאָן ענגלישע פונט.

שטימען

דריי ביליאָן ענגלישע פונט?...

דוד בן ישראל

לייענט

דערווײַלט אייערע פאָרשטייער, נאָר ערלעכע לייט, נאָר אמתע מענטשן זאָלט איר ווײַלן. זאָגט משיח. און אַ פאָרשטייער, דעם העכסטן פאָרשטייער אָנצופירן מיט דער צענטראַל-אַרבעט האָב איך אין די הענט פון אייער אַן אייגענעם מענטשן געגעבן זאָגט משיח. אַ פערזאָן, וואָס פאַרדינט לויב און ליבע פון אונז אַלע. וואָס קען און פילט די ~~גרים~~ פון דעם לאַנד, די ליידן פון די אָרעמע און געדריקטע, שושנה וואַנוועלע, ~~די [illegible]~~, וועלכע האָט פאַר אונז טיר און טויער געעפנט. בײַפאַל

שטימען

שושנה... שושנה... שושנה...

מען לאָזט זיך צו איר·

דוד בן ישראל

שענ—אן לה—אדה—טאָן.״

סצענע

זיינע לייט האלטן אָפּ דעם עולם, טיילן געדרוקטע פּאַמפלעטן

גייט, גייט אַלע און רעגיסטרירט זיך. מאָרגן, מאָרגן צען דעם זיי־ גער זענט איר אַלע געבעטן צום יום־טוב משיח! פאַרלאָזט אונז, פאַרלאָזט אונז איצט—אין נאָמען פון אונזער געזאַלבטן!

געזאַנג

אָ, שופר, האָרן—
שאַל העכער, העכער, העכער.
לייד איז פאַרשוווּנדן,
פרייד איבער אַלע אָפּגרונטן...
זאָג אָן... זאָג אָן...
העכער, העכער, העכער...
אָ, שופר, האָרן—
אין אַלע, אַלע לענדער
וואָס ס׳איז נעכטן אַ חלום געווען
איז היינט וואָר געוואָרן...
הללויה, הללויה, זינגען מיר.
הללויה...

כמעט אַלע אָפּ

שושנה

דריקט דורך די האַנט

די פרייד פליסט אין די הערצער, ווי וואַסער אין שטראָם. אין אַזאַ פאַל איז דער עולם אומגעדולדיק. דאָך איז אייער רעדע געווען אויסגעצייכנט.

דוד בן ישראל

יאָ, דאָס פאָלק איז אײַנפאַך ווילד געוואָרן ווי געפאַנגענע אונ־ טער אַן איינגעפאַלענע פעסטונג. אַוודאי, צען טויזנט ענגלישע פונט שענקט מען נישט יעדן טאָג. כע־כע־כע.

שושנה

איר אורטיילט שלעכט, זייט מיר מוחל. דאָס פאָלק איז נישט

געלט-גייציק. וואָס-וואָס, נאָר נישט געלט, די פרייד, די פרייד, מיין הער! צייט משיח איז געקומען האָט דאָס לעבן אַ זעבאַרן ריטם אָנגענומען, ווי די כוואַלן אויפן ים לייזט זיך דאָ איין וועלט אין דער אַנדערער אויף. נייע צייטן, מיין הער. נייע וועלטן ווערן פאַר די אויגן יעדע רגע געשאַפן. גאָט, איך באַגרייף אַליין נישט! אָ, איך בין צו גליקלעך צו רעדן. איך ווינטש נאָר.—נאָר טון, האָב איך מורא, קען איך גאָרנישט.

דוד בן ישראל

וויל גיין

זייער ריכטיק, מאַדאַם, דער אַמט וועט צו פיל אָנשטרענגען. נאָר שרעקט אייך נישט, משיח וועט אייך צו פיל אַרבעטן נישט לאָזן.

שושנה

אַ דאַנק אייך, חבר דוד בן ישראל, זייט מוחל, איין ווײַלע. ביטע.

דוד בן ישראל

בלייבט

יאָ.

שושנה

אַך. איר זענט אַזוי איילֿיק. תמיד איילט איר זיך. דערלויבט מיר.—איר לאַכט?

דוד בן ישראל

אַ פאַרגעניגן צו הערן אייך רעדן. מיט וואָס קען איך אייך דינען, מאַדאַם?

שושנה

איך בעט אייך. איר זענט אוודאי, זיין דורכלויכט זיין משפחה חבר דוד בן ישראל. איר משיחס אַ קרוב.—נישט אמת?

דוד בן ישראל

לאַכט

ניין, מאַדאַם. נישט געטראָפן... איך בין נישט ווייניקער און נישט מער ווי משיחס זיין אַקציאָנס-קאָמיטעט.

שושנה

איר מאַכט וויצן—איך בעט אייך ערנסט.

דוד בן ישראל

כאַ-כאַ-כאַ. איך פריי זיך מיט אייך, מאַדאַם. *ער נעמט איר אָרעם און קומט.*

שושנה

אַ דאַנק אייך. *גייען* איר זענט אומשטערבלעך.

דוד בן ישראל

לאַכט

מאַדאַם, איר מיינט אוודאי נישט אַזאַ איינפאַכן קאָמפּלימענט מיר צו געבן? אומשטערבלעך זענען איצט אַלע, אפילו דער גאָסן-קערער אין ירושלים. אפילו דער ציוניסטישער אַקציאָנס-קאָמיטעט און זיין ירושלימער עקזעקוטיווע. אפילו דער חכם דע מיטלמאַן! נאָר זעט איר, אומבאַרירבאַר?—כע-כע-כע. מיין זיידע איז עס נישט געווען. מיין טאַטע אויך נישט און מיין מאַמע אוודאי נישט. דאָס בין איך אַדאַנק משיחן. איך בין זיין ערשטער סעקרעטאַר. כע-כע-כע. איר פאַרשטייט?...

שושנה

איך פאַרשטיי נישט, מיר מוזן זיין אומוויסנדע?

דוד בן ישראל

ניין. כע-כע-כע. איר זענט נאָר אידעאַליסטן. קומט, לאָמיר בעסער גיין.

שושנה

אונזער אידעאַל—איז משיח.

דוד בן ישראל

צען טויזנט פונט—איז נישט קליין געלט, כע-כע-כע. קומט, לאָמיר בעסער גיין.

שושנה

גיין.

ביידע אָפּ.

סצענע.

יהודהס לייט פאָרען זיך אַרום די קעסטלעך געלט. אַ טייל קער, זיך אום פאַריאַכ־

מעטע. זיי ווינקען און רעדן אויף זייער פֿאַרשטעלטן לשון. געזאַנג. הערט מען נאָך אַלץ פֿון דרויסן טומל, פֿאַר דער טיר. אייניקע אַרעמעלייט, קאַליקעס פֿאַלן אַריין.

יהודהס מענטשן לויפֿן זיי אַנטקעגן, חילן זיי פֿאַרטרייבן.

אַ לאָמער

רחמנות. האָט רחמנות...

אַ בלינדע

אַ יינגל פֿירט איר

אויף מיר... אויף מיר... רבי...

סאַמפּאַ

טעלע-בעלע-וואַנא וואַן הושא.—משיח...

אָרימעלייט

צוזאַמען

יאָ,—יאָ משיח... משיחן...

אַ פֿרוי

מיט אַ קינד אויפֿן האַנט

הייליקער. יאָ, יאָ...

סצענע

סאַמפּאַ און באַנדע רעדן אויף זייער לשון

בלינדע

זון מיינער... לאָז אַריין.

לאָמער

שטופּט זיך

רחמנות אויף מיר, רחמנות אויף מיר, משיח...

פֿרוי

מיטן קינד

אַ מיתה משונה. אַ מיתה משונה!...

בלינדע

דיר און דיין ממזר!

שטופּן זיך

לאָמער

רחמנות, רבי...

ס א מ פ א

הו-שא... משיח. מאָרגן... הושא.

ב ל י נ ד ע

שלאָגט דאָס יינגל

אַ בראָך נאָך דיר, קרומער הונט. מאָרגן, זאָגט ער, מאָרגן?...

ל אָ מ ע ר

בריקעט

בלינדע קאַץ, רחמנות, רחמנות, רבי...

אַ ל ע

רחמנות, רחמנות, הייליקער רבי...

פ ר ו י

מיטן קינד

נאַט אייך מיינע פערל, אַ ירושה, רבי. גיט משיחן. אַ ברכה אויף מיין קינד, הייליקער צדיק.

זי גיט אים

ב ל י נ ד ע

איך זאָל זעעדיק ווערן. מיינע אויערינגלעך נאַדיר. בעט פאַר מיר, זון מיינער, בעט משיחן.

דוד בן ישראל קומט. סאַמפּאַ איז גרייט געווען דאָס צירונג צו זיך אין קעשענע אַריין צו נעמען. בלייבט געפּלעפט.

אַ ל ע

משיח... משיח...

ל אָ מ ע ר

רחמנות...

ד ו ד ב ן י ש ר א ל

נישט היינט, זאָגט משיח. מאָרגן.

ל אָ מ ע ר

דוד בן ישראל...

ב ל י נ ד ע

משיח דוד בן ישראל...

ד ו ד ב ן י ש ר א ל

צו סאַמפּאַ

„צע—מאַ—ן ש—למע הע ווע".

סאַמפּאַ ענטפערט. גיט אום דאָס צירונג

מ. מ.. פּערל!... אויערינגלעך.—מ. מ.

באַטראַכט

פ ר ו י

מיינע פּערל, הייליקער צדיק!...

ב ל י נ ד ע

מיינע, מיינע אויערינגלעך...

ד ו ד ב ן י ש ר א ל

נישט היינט, זאָגט מען אייך. מאָרגן. גייט. מאָרגן וועט אייך משיח בענטשן.

ס צ ע נ ס

זיינע לייט פירן זיי אָפּ. ווארפן זיך איבער מיט צורופן אויף זייער שטייגער

די קאַליקעס בוכצן איינס דאָס אַנדערע

ד ו ד ב ן י ש ר א ל

אַלע פּושקעס געעפנט און דאָס געלט באַזונדער געפּאַקט.

אייניקע ארבעטן שנעל. ער רעכנט אויף אַ פּאַפּיר

י ה ו ד ה

קומט

ד ו ד ב ן י ש ר א ל

גייט אַקעגן

ביסטו אַן אַקטיאָר... אוי אַ רוח'ן דיין...

כע-כע-כע... אומארעמט אים קיינער...

אַלע לאָזן זיך צו אים פרייד

ד ו ד ב ן י ש ר א ל

קאַרגע פינף מיליאָן פונט?

א ל ע

פינף מיליאָן?!...

דוד בן ישראל

ווייסט דער פּאָעט.—אוי אַ רוח'ן.—כּע-כּע-כּע. פאַרוואָס ביסטו שטום געוואָרן?

ווייבער

טייערער!

אַלע

בראַוואָ... בראַוואָ, משיח...

דוד בן ישראל

כּע-כּע-כּע.

יהודה

שיק אים רופן.

דוד בן ישראל

ער איז אַ יאָלד!

אַלע

אַ יאָלד. אַ יאָלד!...

יהודה

גיב אים צען טויזנט פונט אַ מתּנה.

דוד בן ישראל

צען טויזנט און הונדערט? אַ הונדערטער פאַרן יאָלד איז אויך צופיל.

אַלע

צען טויזנט קדחת מיט טשוועקעס!

יהודה

גיב אים צען טויזנט פונט, האָב איך געזאָגט.

סצענע

ברוגז, אַלע שווייגן

פאַרוואָס האָסטו די ווייבער אַרויסגעטריבן?

דוד בן ישראל

פעלט דיר, האָסטו ווייניק?—כּע-כּע-כּע...

אַלע

טעלעבעענדעס, בלינדע, אַלטע ביקעס...

יהודה

פאַרוואָס האָסטו כּין זיי דאָס לעצטע אָפּגענומען?

דוד בן ישראל

לאַכט

וואָס טאַקע, דו ווילסט.—שוין. אין דיין טאַטנס טאַטן אַריין איך גיי זיי שוין רופן.

יהודה

גיי!

סאָמפּא

דאַווידאָ! אַפּאָפּלעקציע...

צו יהודהן

קענסט היילן בלינדע?

דוד בן ישראל

זוכסט זיך עפּעס?—ווילסט נאָר איצט?—יהודה... ס'איז שפּעט.—ציען.

אַלע

אונזער לעבן אין געפאַר שטעלן. מיר מוזן ציען.

יהודה

פאַר אייער פעל האָט איר מורא. איך בין משיח... איך בין גע-קומען געבן, נישט נעמען, היילן, נישט ווייטיקן... פאַרמערן, נישט וויניקער מאַכן!...

דוד בן ישראל

אין פּרעסער אַריין אַ טאַפּ.—זעסט!—ווען דו וואָלסט מיר נישט אַ גרעסערן דערלאַנגען.—הער נאָר דו—אַ רוח'ן דיין מאַמעס מאַ-מען אַריין! דו... כע-כע-כע. דו ביסט משיח?...

כּמעט אַלע

מיט חניפה

יהודה... יהודה...

דוד בן ישראל

צו אַלדע רוחות.—ביסט שיכּור—וואָס? אָדער די כאָלערע ווייסט דיר משוגע, משוגע געוואָרן...

סצענע

ער שווייגט. אַלע אין שרעק. טענצערקע אין אַ חילדן ריטם טוליעט זיך צו אים.

יהודה

מאַכט אַ באַוועגונג צו גיין.

אַלע

אין שרעק

דוד בן ישראל

וואַרט! סאַמפּאַ און עדקאַ וועלן אויפן וועג קיין דמשק אין צוויי אויטאָס.—הערסט? הערסט נאָך האַלבע נאַכט.

יהודה

נאָך האַלבע נאַכט. ביינאַכט?

אַלע

מיר זענען פאַרלוירן... אַן אומגליק...

דוד בן ישראל

אוי, אַ רוח'ן דיין זיידנס טאַטנס טאַטן בראָדיאַגע!... דו... מאַ־
כע זיך אויס.—הערסט? אַז נישט, ביסטו אַ יאָלד... אַ יאָלד..
אָדער אַ פּייער זאָל.—

יהודה

ווער בין איך?

דוד בן ישראל

מיט אונטערדריקטע שרעק

מיינסט איך האָב מורא פאַר דיר.—דו... איך האָב דיך ניין איילן אין דר'ערד!... אַזאַ קנאַקער, אַ רוח'ן דיין. איז נאָך עמי־צער אויך! איך וועל אַ באַנדע אויפשטעלן. געדענק!...

יהודה

האַ?

דוד בן ישראל

קאַטאָרזשניק... אַ משיח גאָר?—אוי—אָ. זאָג!... וואָס ווילסטו וואָס? זאָל איך אַ פּאָפּלעקציע אויפן אָרט האָבן, אויב דו ביסט נישט אַ יאָלד!

אַלע

מיט שרעק

דאַ—ווי—דאַ!...

דוד בן ישראל

אין דר׳ערד אַריין!... ער וויל אונז אַלע אין לאָך אַריין פירן!... דו האָסט ליב די געפאַר. צעדריי הענט און פיס, קלעטער אַליין אויף ווילדע בערג. וואָס האָסטו צו אונזער לעבן וואָס? דו האָסט אַ קאַשע פאַרקאָכט, מעסיק, מיט חניפה אוי אַ רוח׳ן דיין. כע-כע-כע. אַ משיח—הע... די גאַנצע וועלט טראָגט דיך אין קאָפּ און האָט נאָר דיך אין זינען. טעלעגראַמען יעדער מינוט אין טאָג פליען אין אַלע וועלט-טיילן אָפּ. ביי טאָג וועט מען נאָך פאָרן. זיי וועלן דעם שלאַק האָבן און דער סוף וועט זיין—די פּיאַסטקע.

יהודה

שווייגט. ער נעמט זיין זייט-געווער פון שיידל אַרויס, ער שפּילט זיך מיט מעסער פאַרטראַכט. סצענע. אַלע קערן זיך צו די ווענט. דוד און לאַמפּאַ ציען רעהאָלווערן און באַהאַלטן. דער מעסער פאַלט אויפן דיל. הייבט אים אויף, גייט. אַלע אין שרעק. ביז ער פאַרשווינדט.

פאָרהאַנג.

דריטע סצענע

ווגט, אין שפּיגל־זאַל ביי שושנהן

שׁ ו שׁ נ ה

זי עסט אַן עפּל און זי טראָגט דאָס געפּעס מיט עפּל צו אים

ביטע.—אַז ער נעמט נישט האַר, מייסטער פון אַלע פריידן. אָ, משיח... פרייד און גליק ברענגט איר אַלע אַלעמען און אַליין! הם! זייט מיר מוחל. איך האָב. פאַרלעגן ~~מאָרד?~~ אפשר אַ באַר? די עפּל זענען פון כפר טרומפּעלדאָרף. אייער.

י ה ו ד ה

אין די רייד

איר האָט עפּעס געפרעגט. וואָס?

שׁ ו שׁ נ ה

זייער פאַרלעגן

איך? איך האָב גאָרנישט געפרעגט. הם.—איך האָב נאָר געמיינט — מיילאָרד, זייט מיר מוחל. און אַליין אין זיך, ~~טיף און אומעטיק?~~

ה ו ד ה

איך האָט נישט באַדאַרפט זאָגן ניין.

שׁ ו שׁ נ ה

געטראָפן, שווייגט אַ ווייל

אמת, אָ, עקסעלענץ!—נאָר איך פיל זיך קעגן אייך אַזוי קליין, ווי די ווירקלעכקייט. פון נעכטן קעגן דעם אידעאַל פון היינט— מיין האַר! און אַזוי יעדער, אַלע, אַלע, דאָס גאַנצע לאַנד. פאַרוואָס אַזוי אומעטיק, אָ, מייסטער, מייסטער!

י ה ו ד ה

שמייכלט

קאָמעדיאַנטן פרייען זיך פאַר זייערע צושויער. איך שפּיל נישט קאָמעדיע. דער געקרייצטער פון נצרת. ער האָט געהייסן און

געהאָלפן אַנדערע, נאָר זיך אַליין אויפן קרייץ האָט ער נישט געקענט העלפן.

שושנה

אָ... איז ער געטלעך?

יהודה

יאָ, געווען געטלעך—און ער איז אַ גאָט געוואָרן.

שושנה

אָ, האַר!... הייל די אומגליקלעכע, די בלינדע און די קראַנקע. הייל זיי, מייסטער! הייל זיי... הייל זיי... און זאָל דיין טראָן אויפגיין און איבער דער וועלט טאָגן...

יהודה

אַ שיינער גלויבן—טאָכטער פונעם לאַנד פון אַלע גלויבנס—אַ שיינער גלויבן... פויזע דער ווילן פאַראַנען, דער גייסט אויך, נאָר די צייט, די צייט איז נאָך נישט געקומען. ער נעמט אַן עפל אין האַנט דער עפל איז פונעם בוים אַליין נישט אַראָפגעפאַלן. מען רייסט דאָ די עפל פון דיביימער...

שושנה

מעגלעך, מיי-לאָרד. די עפל זענען פון כפר טרומפלדאָרף, אייער דורכלויכט, אַ מתנה.

יהודה

שמייכלט פילדרייטיק

אייער דורכלויכט, אַ מתנה?..

שושנה

זייט מיר מוחל. איך וואַג מיט נעמען. איך ווייס נישט מיט וועלכן נאָמען אייך צו רופן. אָ, מיי-לאָרד... מיין פרייד... אָ, משיח...

יהודה

אַזוי זענען מענטשן. זיי ~~פאַרפאַלן~~ תמיד פון זייערע פריינט און איבער אַלס-דורכלויכטיקייט. קלאָר און אָפן, דורך און דורך. ווי אין שפיגל, אַזוי די גרויס, אַזוי די קליין, אַזוי די דיק און אַזוי די לענג: צוגעפּאַסט צו זייער וויסן, צו זייער פאַרשטאַנד.

נאָר פאַריבל האָבן דאַרף מען נישט. די וועלט האָט פיל עלעק־
טריציטעט, נאָר קנאַפּ ווייניק ליכט איז פאַראַן.

שושנה

אייער טורבאַן איז פון פורפורוואָל. נאָר אונטער אייער שלייער
איז אייער פנים העל ווי די זון, וואָס גייט אויף פונעם באַרג חרמון.

יהודה

עס רעדט זיך אַזוי—אויף דער זון קוקן און די אויגן נישט
בלינד מאַכן. ווען דער אמת איז גאָר פאַרקערט. אַלע ווילן
דייטלעכקייט? אַלע ווילן באַשטימטקייט? און דערצו זען און
נישט בלינד ווערן.

שושנה

מיין ליכט... מיין האַר... מיין האָפנונג... פינצטער איז אין
לאַנד געווען. איר זענט געקומען און עס איז ליכטיק געוואָרן.
ליכטיק געוואָרן.

יהודה

און דאָס ליכט איז מיר מיין פיין.—אַ פאַלש ליכט, אַ פאַלש
ליכט. עס שיינט אַ רגע און פלאַצט גיך. פאַר געלט האָב איך
מיך איינגעקויפט, אַ משיח בין איך זייערער נאָר פאַרן געלט.
אַלע זענען איצט גלייך און רייך, אַלע זענען אפשר צופרידן
אויך. נאָר איך איינער?

שושנח

אָ, האַר! דוד המלך האָט פערציק יאָר געקיניגט, און ער האָט
אין זיין גאַנץ לעבן נישט דערגרייכט דאָס וואָס איר האָט אין
דריי מעת־לעת אויפגעטון. אָ, מייסטער, מייסטער! אויף אַלע ימים
פאָרן שיפן און זייער מאַסט איז צו מזרח געווענדט. צו דעם
ברעג, צו דעם באַרג, אָ, דערלייזער!—זין און טעכטער פון ציון
פון אַלע טיילן פון דער וועלט! וועמענס פרייד שיפט זיך
איצט איבער אַלע ימים? וועמענס געזאַנג הערן איצט אַלע פאַר־
בייפאָרער? און וועמענס נאָמען וויגן זיי זיך איצט אויף די
שטראָמען, אויף די מעכטיקע כוואַלן? משיח... זי זיגגט לייד
איז פאַרשוווּנדן, פרייד איבער אַלע אָפּגרונטן!... מייסטער..
מייסטער... מייסטער...

יהודה

ווי שיין איר לויבט! נאָר ווי—ווען איר שילט. דאָך זען אייך גלויבן איז פאַרן גייסט אַ דאָפּלטער פאַרגעניגן. שושנה, דער בלינדער פרוי, וועלכע איז היינט צו מיר געקומען, ווער וועט איר היילן, ווער וועט איר זעעוודיק מאַכן? דער פיין פון דער מאַמען איבער איר קראַנקן קינד—ווער וועט איר לינדערן?

שושנה

דער וואָס וועט די הונגעריקע זעטן, די היימלאָזע אַ היים געבן, די עלנדע שיצן, דעם פאָלק זיין פרייהייט, דעם מענטש זיין מענטשלעך פּנים צוריקגעבן. אָ, דערלייזער, די צייט, די צייט האָט איר אַליין געזאָגט.

יהודה

די צייט?...

שושנה

עסט אַן עפּל. ביטע. די עפּל זענען אייערע—און איר ווילט אפילו נישט פאַרזוכן. נעמט, ביטע. זעט, ווי שיין און גרויס ס'וואַקסן אויס די פּרוכט פון דעם העלדס נאָמען!

יהודה

אפילו אַן עפּל עסן מוז מען דאָ אויך זיין אַ העלד?...

שושנה

זייט מוחל, אייער עקסעלענץ. איך האָב געמיינט צו זאָגן די עפּל זענען פון כּפר טרומפּלדאָר, וועמען דאָס לאַנד האָט זיין נאָמען מיט זיין דאָרף פאַראייביקט און וועמענס נאָמען די יוגנט נוצט שלעכט אויס. כּפר טרומפּלדאָר הייסט דער דאָרף ווו יוסף טרומפּלדאָר האָט געלעבט, געווירקט, געאַרבעט און אומגעקומען, אָ, עקסעלענץ! וויפיל בלוט, וויפיל עדעלע יוגנט האָט די טרוקענע האַרטע ערד פון אונז צוגענומען, אַז אויך איך, איך וואָלט אַזוי גערן, זי וויינט מיינע סענטימענטן?ווירקלעך. מיי-לאָרד... איך טראַקטיר מיט דער בעסטער פלאַש ווין אין יהודה, אַז אין גליל וואָלט אפילו אַזאַ סענטימענטאַלע קרעאַטור ווי איך בין—מיינט איר נישט? לעבעדיק געוואָרן... יענע לופט און אי-

בערהויפט אויפן פערד יעדן מאָרגן אין איין גאַלאָפּ... זי בייס און עסט. און זי דערלאַנגט דעם זעלבן עפּל צו זיין מויל עקסעלענץ!

יהודה

ניין.

שושנה

גאָט-געזאַלבטער... האָט איר ווען אַמאָל מיט אַ פּרוי פון איין עפּל געגעסן?—איך ניין. עקסעלענץ, איר זענט דער ערשטער מאַן מיט וועמען איך וויל זיך טיילן. אָ, משיח...

יהודה

איך האָב געזאָגט ניין!

שושנה

ניין?
איר ווילט זיך מיט מיר נישט טיילן.
מיין האַרץ איז צעריסן פון ווייטיק.
לאָזט מיך נישט אַליין.
זעליקער! איך וויל זעליק, זעליק זיין!
איך בין אוודאי נישט ווערט. ~~דערגבער מיין שרעק אָ האַר.~~ דאָך דינען און געהאָרכן. דינען אייך, אָ, געזאַלבטער. האָט איר דאָך מיר אויסגעוויילט. באַוויליקט מיין געבעט. דערבאַרמט זיך אויף אייער דינסט.
שלעכטע חלומות לאָזן מיר נישט מיין זעלע האָבן רו.
איך האָב געחלומט, געבונדן אויף אַ בוים בין איך געהאָנגען און צוויי שוואַרצע ראָבן האָבן מיר מיין האַרץ געגעסן און אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז משיח אין זאַל אויף אייער געלעגער נישט געווען.

יהודה

שלום און ליבע זענען צוויי ווייסע טויבן אויף אַ לאַנקע אַ גרינע.
אייער פּיין און חלום איז צו ענדע.
געגרינדזעט זאָל דאָ ווערן דאָס אייביקע קעניגרייך.
שושנה איז די אייביקע פּריסטערין פון אַלע ליבע!

ש ו ש נ ה

אַז איך בין זוכה געווען. האַר, אָ, דערלייזער! איך בין אַ פרוי מיט פיל שוואַכקייטן, וואָס זענען אַוודאי נישט צו אייער ווירדע. איך שעם זיך אויך. אין אונזערע קאָנטינענטן איז נישט דער שטייגער, אַז די פרוי זאָל מאָנען. יעדנפאַל, מען פירט זיך. — דער מאַן זאָגט פריער... מיי-לאָרד! אויב דער דין איז אייך גע־שטאַנען אין וועג? — זע! זי ווייזט אַ גט איך בין היינט געזעצלעך פון חכם געגט. זעליקער! איך בין פריי... אייערע... מיין גע־זאַלבטער... אַ קינד פון אייך וויל איך זוכה זיין צו האָבן.

י ה ו ד ה

עס איז אייך באַוויליקט.

ער אַרמט איר. זי קושט אים

און ער זאָל זיין דער אייביקער כהן, פריסטער איבער די הער־צער אין יהודה!

ש ו ש נ ה

און ער זאָל זיין דער אייביקער כהן, פריסטער איבער די הער־צער אין יהודה!

פאָרהאַנג.

פֿערטע סצענע

האַלבע נאַכט. אין זעלבן זאַל. אין הינטערגרונט אויף צווי מאַרמאַר־קאָלאָנען פֿאַרטיערן פֿאַרהענגען אַ בעט. יהודה און שושנה שלאָפֿן. מען הערט אַ האָן קרייען. סיגנאַלן פֿון דרויסן. דוד און סאַמפּאַ גנבענען זיך אַריין. זיי זוכן. דאַן צו די פֿאַרטיערן. עפֿענען און לאָזן אָפֿן.

דוד בן ישראל

ב'האָב דיר געזאָגט—אַ רוח'ן זיין מאַמעס מאַמען אַריין! פֿאַר־ליובעט און פֿאָפֿט ווי נאָך אַ באָד! טומל אין דרויסן ש־שאַ! וואַרט!

ביידע אָפּ צום פֿענצטער

דוד בן ישראל

ווער דאָרט?

שטימען פֿון אַ מאַן

איך, אברהם איצע, פֿון צפֿת, אין אַ שליחות, רבי. לאָזט אַריין.

שטימע פֿון אַ פֿרוי

הייליקער צדיק. זיין ווייב און מיין טאָכטער, דעם דריטן טאָג גייט זי צום קינד. הייליקער צדיק!

זיי וויינען

דוד בן ישראל

אַ בעסטיע... הערסט—האַ! מיר האָבן שוין געזאָלט—עט זיין!—אין דרויסן אַרויס ש־שאַ דאָרט.—צום רבין רב משהלע—זאָגט משיח

ביידע צוזאַמען

דעם רבין האָט מען אַרויסגעטריבן, טייערער, הייליקער.

שטימע פֿון מאַן

מיין ווייב דערלעט מיט דער נשמה.

שטימע פֿון דער פֿרוי

צוויי נפֿשות, הייליקער. צוויי נפֿשות, רבי.

דוד בן ישראל

באַנאַרישט וואַ... אוי אַ רוח'ן זיין טאַטנס טאַטנס.—וואָס טוט מען איצט?

סאָמפּאַ

לאָז אַריין—אַ כאָלעריע—זאָל זיי אויפוועקן!

דוד בן ישראל

ניין! דער חזיר, ער קען אונז אַלע איבערלאָזן און לויפן ראַטעווען אַ קעלביקע יידענע.

וואַרט—הע!.. אין דרויסן זי איז שוין טויט, געשטאָרבן, זאָגט משיח!

יאָמער און גוואַלדן דרויסן

—זיין מאַמעס מאַמען אַריין! ערגער געמאַכט, ערגער געמאַכט׳ דרויסן ש־שאַ! משיח הייסט אַהיים פאָרן.—שוין אַהיים. אָבער אין דער שטיל. אין ירושלים טאָר קיין מענטש נישט וויסן, בסוד זאָגט מען אייך. מאָרגן, מאָרגן אין דער ביינטער שעה, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער שטאָט וועט ער דיין ווייב און דיין טאָכטער לעבעדיק מאַכן. זאָגט משיח!

ביידע

הייליקער רבי! הייליקער צדיק!...

דוד בן ישראל

ששאַ. קיין וואָרט. און שוין אַהיים!...

נאַ אַ שטיקל אַרבעט?—און ער פּאָפּט. אוי אַ רוח'ן זיין אויפן קיל משיח!...

יהודה

ער קומט פון בעט, זיי ציען זיך צוריק

מייז! אַהער טרעפט איר אויך צו קריכן?...

דוד בן ישראל

פרעג אים. גאַנץ צפת.—איך האָב דיך אָפּגעראַטעוועט—גאַנץ ירושלים איז דאָ הינטער די פענצטער געשטאַנען.

סצענע

יהודה גייט צו זיי, ביידע ציען רעוואָלווערן

האַ...

יהודה

הָאָ...

ער פּאַקט זון ווצרגט דודן. ער ווצרפט אים צרויס. די בינע איז אַ ווייל לײדיק. אין דרויסן אַ טומל. ער קומט און וואַשט זיך די הענט. ער גייט אויף און אָפּ. אויפן קול. שושנה... *פּויזע, זי שלאָפט* דאָס בעסטע אָט אַזוי... *ער נעמט דעם קינזשאַל* ווער אַנטשלאָפן. שלאָף איין אויף אייביק... *קוקט אויף איר* זי בליט... ווי שיין... אמת, — ווייבער בליען און וואַקסן אויפן מאַנס געלעגער ווי בלומען אין די גערטנער... אַ שיינע נאַכט היינט פאַר ווּעמען דאָס לעבן איז אַ גאָרטן... *מילד* שלאָפסט... שושנה?... דער זייגער איז איינס. אַ שעה וואָס מען גערענקט. דערוואָרגן... דאָס בלוט איז אים אין די פּיס געקומען. ער האָט נאָר איין צאַפּל אין מיינע הענט געטון. אַ הונט... טפוי... שלאָפסט? דער ערשטער שלאָף... האַלבע נאַכט... אויפן שטערן שטייט נאָך אַ טראָפּן שוויס. פון די ליפּן איז נאָך דער תאווה-שמייכל נישט פאַרשוואונדן. אַזוי תאווהדיק עפנען זיך רויזן נאָך אַ רעגן... אַ רויז אָן דערנער... אָן איין דאָרן?... *סיגנאַלן און רופן פון דרויסן,* דו פאַרשטעלסט זיך אַזוי... מכשפה... דו ביסט וואַך, דו שלאָפסט נישט... *ער וויל איר שטעכן* שטאַרב... שלאָף איין אויף אייביק... *ער קען נישט דאָס מעסער פאַלט פון האַנט.*

סצענע

מען קומט באַוואָפנט.

סאמפּא

האָסט אים דערוואָרגן?

אַלע

האָסט אים געטויט?

יהודה

טויט?!..

אַלע

דו האָסט אים געטויט.

יהודה

נייט און באַגראָבט אייער טויטן.

ס א מ פ א

ענטפער!

י ה ו ד ה

באַגראָבּט אייער טויטן—האָב איך געזאָגט. אָדער מאַרש שלאָפֿן.

ס א מ פ א

יהודה?...

י ה ו ד ה

שווייגט.

ס א מ פ א

אַ יאָלד... ביסט אַ יאָלד...

סצענע

איינציקע פֿאַרוואָרפֿן אַ שטריק איבער יהודהן. אַלע מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן

י ה ו ד ה

האַ..

אַ ל ע

טויט אָדער לעבן...

י ה ו ד ה

ראַנגלט זיך

אַזוי איז גאָר. איך האָב געמיינט ער?.

אַ ל ע

מען בינדט אים

טויט אָדער לעבן...

ט ע נ צ ע ר ק ע

לעבן דעם בעט ווו שושנה שלאָפֿט

ווער ס'האָט שענערס נישט געזען? כאַ־כאַ־כאַ. פֿאַר אַזאַ נקבֿה לוינט זיך אַ יאָלד צו ווערן?

י ה ו ד ה

רייסט זיך צום בעט

אַוועק פֿון איר!... אַוועק מיט דיינע שמוציקע אויגן!...

ו ו י י ב ע ר

טייערער... טייערער...

מען באַזייטיקט איר. מען פֿאַרמאַכט דעם פֿאָרהאַנג.

ס א מ פ א

קום...

י ה ו ד ה

אומפאַרשעמט, אומפאַרשעמט... פון אונטער דער פלייצע אָנפאַלן, בינדן מיך, צווינגען מיך. איך בין אייער פירער!...

ס א מ פ א

ביסט פריי. ראַטעווע זיך. ראַטעווע זיך, ס׳איז שפעט.

י ה ו ד ה

אומפאַרשעמט, אומפאַרשעמט. גנבים האַנדלען שוין אויך ווי דיפּלאָמאַטן—„ביסט פריי״ זאָגסטו, ווען איך בין געבונדן. בינד אָפּ די שטריק! בינד אָפּ די שטריק!...

ס א מ פ א

דו פאָרסט? זאָג יאָ!

י ה ו ד ה

ניין! דו קראַנקסט... בינד אָפּ די שטריק,

וו יי ב ע ר

וויינען

בינד אָפּ די שטריק...

י ה ו ד ה

באַנדע... ווי הינט אָן אַ היים זענט איר אין די גאַסן אין אַ־דעס אַרומגעלאָפן. פאַרפאָלגט פון די הונט־שלעגערס, פאַרפאָלגט פון די געזעצן און פון דער פּאָליציי. איך האָב אייך צוזאַמענ־גענומען, גנבים, קעשענע־גנבים זענט איר געווען. איך האָב אייך געפירט און געבראַכט אין אַ לאַנד ווו מען האָט אייך אויפגע־נומען ווי פּרינצן פון אַ מעכטיקן קעניגרייך. די טירן פון די שענסטע הייזער האָט מען פאַר אייך געעפנט. כבוד, מאַכט און געלט האָב איך אייך געגעבן, באַנדע... איך וועל אייך פירן און דערפירן צו אומשטערבלעכקייט!... ווייסט איר וואָס אַזוינס ס׳איז אומשטערבלעך?... באָבעס וועלן זייערע אייניקלעך פאַרן שלאָפן גיין דערציילן. „אַ באַנדע גנבים און רויבער, די פאַר־אַכטעטע, די נידעריקסטע פון דער מענטשן־מין, מייז, וואָס האָבן די שיין פון דער זון פאַר זייערע אויגן נישט געזען, וואָס זע־

נען אַפּילו אין זייערע נאָרעס פון ווילדע קעץ פאַרפאָלגט גע־
וואָרן. זיי, זיי האָבן דאָס לאַנד אויפגעבויט, זיי האָבן
אַ פאָלק באַפרייט, זיי האָבן די מענטשהייט אויסגעלייזט!״...
באַנדע... איך בין משיח... און בין אויך נישט. מיט אייך האָב
איך די מאַכט משיח צו זיין, מיט דער פרוי אַליין דאָ האָב
איך די מאַכט עס צו זיין. ווייסט איר וואָס ס׳איז אַזוינס זיין
אומשטערבלעך ?...

סאמפא

[illegible]
אַ יאָלד... אַ כאָלערע... אַ יאָלד, אַ יאָלד, ~~איצט האסטו גיין~~.

אַלע

אומגליקלעך...

סאמפא

אַ יאָלד... אַ יאָלד... פּאַקט אים!

טומל. מען נעמט אים [illegible]
פאַרהאַנג.

פערטער אַקט

ערשטעסצענע

פרימאָרגן, אין דרויסן אויף דער גאַס פאַר שושנהס פּאַלאַץ. פּאָלי־
ציי באַוואַכט דעם איינגאַנג. פאָלק. — מען קומט פון אַלע זייטן.

שטימען

ווי איז מיר.—אמת! ווי איז מיר...

אַנדערע

אוי, אוי, אוי...

אייניקע לויפן צום איינגאַנג, שרייען פאַרצווייפלט

משיח... משיח..

פּאָליציי לאָזט נישט, לאַכן, טרייבן.

שטימע

אַ קול פון מזרח. אַ קול פון מעריב. אַ קול פון צפון. אַ קול פון דרום. אַ קול פון ארבע־פנות־העולם!... יום־טוב האָט ער גע־רופן—צו שפּאָט און שאַנד האָט ער אונז געלאָזן... אוי ווי... אוי ווי...

צבי

מחמת דער מקטרג האָט זיך אַריינגעמישט... מחמת... זיין ירו־שלים איז נישט חרוב געוואָרן... מחמת... ער, דער רבונו־של־עולם כי כל דרכיו מ—ש—פ—ט... יידן קען ער נאָר משפּטן!.. קעגן הימל דו... תולה ארץ על בלימה!... הער... מיר וועלן זי דיר איבערקערן!... לעכצנד לאָז אים אונז זען... עקסטאַז, שווינק.

אָ־נ־א ס־ל־ח נ־א...

הו־שע־נא למ־ע־נך אל־הי־נו הו־שע־נא...

אַלע

אָ־נא הושע־נא למענך אל־הי־נו הו־שע־נא...

אַ פּאָליצײ־עלטסטער

בירגער!... איך וואָרן אײַך, בירגער... צעגײט זיך! גײט אַהײם! גײט צו אײַער אַרבעט. צו אײַערע געשעפטן. גײט אַהײם! אָדער שווײַגט שטיל! אונזערע שכנים שטײען און פֿרײען זיך. שווײַגט שטיל און ברענגט נישט צו אַ חילול־השם. מען האָט אײַך אָפּגענאַרט, מען האָט אײַך באַשווינדלט. מען האָט אײַך אָפּגענאַרט און באַשווינדלט. אַ באַנדע באָלשעוויקעס, שווינדלער און—

שטימען

קרעציק[illegible]ער... דו... דו... קליפּה... קליפּה... שווינדלער דו...

צבי

לאָזט זיך צום אײַנגאַנג

אַלע

אַלע לויפֿן נאָך, שרײַען לעבנצנד

מ—ש—י—ח...

סצענע

ער פֿײַפֿט. פּאָליצײ מיט שטעקנס שלאָגן. טומל, מען ענטפֿערט מיט שטײ־נער. מען אַרעסטירט. בינע אָפּגעלײדיקט.

סצענע: אַ ײדענע קומט

ײדענע

אַ בראָך דער מאַמען, אַ בראָך דער מאַמען! אחרון?... ווינד איז מיר... ירושלים, ווײ איז מיר, געפֿאַלן. געפֿאַלן איז ירושלים—און אַזוי נידער?... ווײנט אחרון?... אחרון?...

אַ פּאָליציסט לאָזט איר נישט גײן אוי, אוי, ריק און לענד זאָל דיר וואַרפֿן. שוואַרצער פּנים... אחרון? אחרון?...

מען פֿאַרטרײַבט איר

אַ יונג מײדל

דעם טאַטן האָב איך אָנגעשכורט,\
דער מאַמען פֿאַרשלאָסן.\
איך קען אַ ײנגל מיט אַ פּקידס צינגל\
וואָס מיר טאַטע, וואָס מיר מאַמע...

ער וועט דיר נישט נעמען, ער וועט דיר נישט נעמען—
שרייט דער טאַטע.
אַלטע מויד, בּיזן גרויען צאָפּ וועסטו זיצן —
שעלט די מאַמע.
וואָס מיר טאַטע, וואָס מיר מאַמע.
ש-אַ, שטיל, נאָר קיינער זאָל נישט וויסן,
קריך אַרויף אויפֿן בוידעם — [illegible]
איך, דיין מיידל און דו, מיין ייִנגל.
וואָס מיר טאַטע, וואָס מיר מאַמע...
איך, דיין מיידל און דו, מיין ייִנגל,
וואָס מיר טאַטע, וואָס מיר מאַמע...
שופּט... שופּט... שלאָג נישט מיין ייִנגל...
ער שלאָגט, ער שלאָגט מיין ייִנגל...
דעם טאַטן האָבּ איך אָנגעשיכּורט,
דער מאַמען פאַרשלאָסן.

פאָליציי שלעפּט איר

משיח... ער שלאָגט און שלאָגט מיין ייִנגל? אָפּ

אַ ייִנגל

מיט ציייטונגען

עקסטרע... עקסטרע... ער איז געפלויגן... עקסטרע...

מען קומט צו לויפן

ערשטער

לייענט

קאַאיראָ, ווא... ווא... קאַאיראָ...

שטימען

געכאַפּט... קאַאיראָ..! אין קאַאיראָ...

ערשטער

לייענט

„אַלע וועגן פירן אויף שפּור. פיר עראָפּלאַנען יאָגן אים נאָך.״ קאַאיראָ. אַ עראָפּלאַן איז היינט זעקס אַזייגער אינדערפרי איבער קאַאיראָ געפלויגן, פון דער שטאָטישער סטאַציע האָט מען צו אים געגעבן סיגנאַלן. דער עראָפּלאַן האָט אויף די סיג-

נאַלן נישט געענטפערט און ער איז ווייטער געפלויגן. מען האָט אויף אים געשאָסן. נאָר ~~דאָס מאָל~~ אין ציל נישט געטראָפן, פּאָליציי אין פיר עראָפּלאַנען יאָגן נאָך אים נאָך.

שטימען

געשאָסן און נישט געטראָפן? געשאָסן און נישט געטראָפן?...

ערשטער

לייענט

קאַאירא. אַ עראָפּלאַן מיט דריי מאָטאָרס איז היינט זעקס אַזייגער אינדערפרי איבער קאַאירא געפלויגן. ער איז געפלויגן נאָרד-וועסט.

שטימען

נאָרד-וועסט?... נאָרד-וועסט?...

ערשטער

נאָרד-וועסט. וואָס איז די נפקא-מינה. איך פאַרשטיי נישט. — ער איז היינט זעקס אַזייגער אינדערפרי איבער קאַאירא געפלויגן—שרייבן ביידע טעלעגראַמען. אַשטייגער, זאָלט איר לעבן ווען דען וואָלטן מיר געקענט מיינען, נעכטן? אַז נעכטן איז ער דאָך הי געווען?...

אַ צווייטער

שונא-ציון...

אַ דריטער

זייט-זשע מוחל, אָבער ווו איז ערגעץ דער נאָרד-וועסט?

ערשטער

סתם, נאָרד און וועסט.

צווייטער

סתם אַזוי? עך... מן הסתם מיינט מען דעם נאָרד און דעם פּאָל.

שטימען

דעם נאָרד-פּאָל... דעם נאָרד-פּאָל...

דריטער

זייט-זשע מוחל, זעט איר שוין—סתם איז ער נישט. אַיי, אַיי אַיי. סתם איז עס נישט. אונטערן נאָרד-פּאָל... ווער ווייסט

אפשר טאַקע די עשרת-השבטים אויכעט. סתם איז עס נישט...
סתם איז עס נישט...

ש ט י מ ע ן

שונא ציון... די ממזרת... זי, די ממזרת...

ע ר ש ט ע ר

מיט דער האַנט צום דריטנס טאַבאַק-פּושקע

זייט-זשע מוחל, אַ שמעק טאַבאַק.

ד ר י ט ע ר

קויפט זיך—וועט איר האָבן צו שמעקן.

ע ר ש ט ע ר

אַ דאגה אַ שמעק-טאַבאַק?—איך וועל קויפן, וועל איך איין אָפּגעבן.

ד ר י ט ע ר

אַ דאגה צי נישט אַ דאגה. לעת-עתה האָט מען אויפגעהערט צו באָרגן. מען באָרגט נישט.

פּ אָ ל י צ ײ

וועג מאַכן... וועג מאַכן...

ס צ ע נ

זיי פירן שושנה, אירע הענט געבונדן

ש ט י מ ע ן

אָה... זונה... זונה... ממזרת... זונה...

פּאָליצײ טרייבט דעם עולם, מען טראָגט אַ בר-מינן ארויס.

ש ט י מ ע ן

אויפרעגנד

אַ מאָרד... זונה... הענגט איר... הענגט איר...

איינער ווארפט אַ שטיין, שושנה פאַלט. אַ טומל, פּאָליצײ פירט איר אין קאָמאַנדע, פאַרהאַנג.

צווייטע סצענע

נאַכט. אויף אַ גאַס אין ירושלים. פינצטער.

אַ יידענע

קומט

חושך מצרים.—אוי-אוי-אוי. פינצטער, פאַרפינצטערט געוואָרן ירושלים. זי גליטשט זיך אויס, פאַלט. גוואַלד!

אַ צווייטע

מיט אַ לאַמטערנע, זי גליטשט זיך אויס און פאַלט

מיין לאַמטערנע, מיין לאַמטערנע! ווער איז דאָ?

ערשטע

וויי איז מיר, איר ליגט?

צווייטע

ראַטעוועט, קומט אַהער!

ערשטע

הערסט אַ חתונה.—איך ליג. איך קען נישט אויפשטיין—רבונו-של-עולם. נאָר אויף געהאַקטע צרות זאָלן זיי, די שטאָט-טאַטעס, ליגן. ס'אָך נאָך ערגער פון אַן ערד-ציטערניש דאָ געוואָרן. ווי אַן אומגליק, ווי אַ צרה איז אַלץ אויף ירושלים. אוי, אוי, אוי, וואָס-זשע איר ליגט טאַקע?

צווייטע

איך זע נישט. איך ליג. איך האָב זיך ווי אַ קינד—באַ—באַ—דאָס גאַנצע העמד פאַרנעצט.

ערשטע

אוי, אוי, אוי, די שטאָט-טאַטעס, די שטאָט-טאַטעס, אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן.

צווייטע

וואָס עפּעס די שטאָט-טאַטעס?—ער, דער „משיח", און זי, די מערדערקע, משומדת—ימח שמם זאָלן ביידע ווערן.

ערשטע

גייט שוין גייט. זייט-זשע מוחל, ווי אַזוי הייסט איר? גאָטס פינגער איז דאָ הי געווען. ליכטיק, ציכטיק און פרייליך איז די גאַנצע שטאָט געווען. און די שפע—רבונו-של-עולם... נאָר מיר זענען אוודאי נישט ווערט געווען.

צווייטע

אַ נאַרישע יידענע?!—דער ימח-שמוניק און זי, די חצופה, האָבן דאָס גאַנצע לאַנד באַראַבעוועט. איר האָט געהערט פונעם מאָרד? זי, זי האָט דאָך אים דערהרגעט. ס'איז אַזוי געווען, ער האָט געוואָלט—וואָס איז די נפקא-מינה—זי, די חצופה, האָט אים דער-הרגעט. מען משפט איר. זאָרגט זיך נישט, הענגען וועט מען איר, דער משומדת.

ערשטע

אַ מאָרד, אַ שמאָרד, גייט שוין גייט... זי וועט הרגענען, זי האָט געהרגעט? ווי אַזוי הייסט איר?

צווייטע

פעשע בת אשר.—וואָס?

ערשטע

פעשע בת אשר.—מיך רופט מען שרה-ברכה. איך האָב אַ יינגל, אהרון הייסט ער, זאָל ער נאָר מיר זיין מיט יאָרן. ער דינט טאַקע ביי דער וואַנוועלע. וואָס ווייסט איר, פעשע בת אשר? וואָס ווייסט איר—אַזאַ יאָר אויף מיר—אַן אמתע כשרע יידישע טאָכטער. מיינע טעכטער און אייערע טעכטער אָן איר שאָדן געזאָגט. אַ צדקת! זאָל עס איר נאָר בייִשטיין.—רבונו-של-עולם. אַנטקעגן די שטאָט-טאַטעס, אויסגעריסן זאָלן זיי ווערן! זי שטייט אויף פעשע בת אשר. ס'אָך אַ בילבול! אויסקרענקען זאָלן זיי עס, זיי האָבן זיך פאַרנומען צו באַראַבעווען איר. אוי, אוי, אוי, וואָס-זשע, איר ליגט טאַקע?

צווייטע

מיין מאַן איז מר. ברוך דער שופט. די חצופה, זי וועט שוין אַ לעבעדיקע פון זיינע הענט נישט אַרויס. קומט אַהער, העלפט

מיר זיך אויפשטעלן, וועלן מיר אייך פאַר די קללות נישט באַשטראָפן.

ע ר ש ט ע

צו זין

אַ שוואַרץ-יאָר דיר. אוי, אוי, אוי-וויי איז מיר פעסע בת אשר די שופטקע?! איר ליגט נעבעך צו זיך רבונו-של-עולם! אין געהאַקטע ווונדן לייג איר אַוועק. זי העלפט איר אויפשטיין פעשע בת אשר—וויי איז מיר, איר זענט דאָך אָדם-נאַקעט, במחילה. מיטן דאָס אין דרויסן ?!

צ וו יי ט ע

אַ בראָך איז צו מיר, נישט אַנדערש. מיין קלייד איז פון דער נעץ צעגאַנגען און אַוועקגעשווומען.—אַ בראָך איז צו מיר...

ע ר ש ט ע

קיין בייז, פעשע בת אשר גייט אוודאי פון בית-משפט. פינצ-טער איז סיי-ווי-סיי, קיין מאַנספאַרשוין זעט מען נישט. ניש-קשה, קיין בייז וועט נישט געשען.

צ וו יי ט ע

גיט מיר עפּעס אייערס ביז אין הויז אַריין—כאָטש די שאַנדע צו פאַרדעקן. — ווו זענט איר, אַ בראָך איז צו מיר, חצופה וואַרט, אַלטע מכשפה!...

אַ מ אַ ן

קומט

ווער איז, וועמען רופט איר?

צ וו יי ט ע

נישט אַהער! נישט אַהער! איך בין—נישט אַהער!

מ אַ ן

איר זענט וואָס!—אי-אי-אי... אשה. ביסט געזונט הס. אי-אי-אי. שטייסט שוין נאַקעט. אי-אי-אי. באַלד.

צ וו יי ט ע

נישט. ניין. איך בין אַן אשת-איש. אַ בראָך איז צו מיר. אַל-טע מכשפה! אַ בראָך איז נאָך דיר.

מאַן

אַן אשת־איש—נישט אַ זונה? אי־אי־אי.—נאָך אַ פּיאַסטער.

צווייטע

לאָזט מיך אָפּ. איך בין נישט. איך האָב אַ מאַן. מען טאָר נישט.

מאַן

אי־אי־אי. ביסט אויך אַ קלוגע—נאַדיר נאָך אַ פּיאַסטער.

צווייטע

ער וויל איר ארומנעמען, שרייט

איך בין נישט... איך בין נישט... לאָזט אָפּ.

אַ צווייטער קומט

פּ—ע. וואָס איז דאָ? אין גאַס?—לאָז איר אָפּ.

ערשטע

גיי פונוואַנען דו קומסט. מען פרעגט ביי דיר נישט! אשה אי־אי־אי. קום.

צווייטע

האָט רחמנות, איך ביז נישט.. אַן אומגליק... אַן אומגליק.. איך בעט אייך.

צווייטער

נאַדיר צען פּיאַסטער און לאָז זי מיך אָפּ! אשה,_ווו וווינסטו—ס'אַ לייב!...

ערשטער

טראָג זיך אָפּ. זי איז אַן אשת־איש. אי־אי־אי. הם.

צווייטער

אשה, ער איז אַן אַלטער אייזל. איך גיב דיר פופצן פּיאַס־טער און איך גיי מיט דיר.

ערשטער

עם־דאָ־ק! דו ווייסט נישט מיט וועמען דו האָסט צו טון.—דו זערסט—ביטע!... איך האָב זיך קיין מאָל נישט איבער אַן אשה געשלאָגן און בפרט פאַר אַ—אַ. הם, איך בין אַ דזשענ־טלמאַן. מיר לויפן די ווייבער נאָך, אָבער דו גאַסן־יינג; מיין

נישט, אַז דו וועסט ביי מיר טרוקן אָפּשניידן־ביטע—איך בערך די ביינער.

צווייטער

איך בין—הם.

ער כאַפּט די פרוי אַרום, דעסגלייכן דער צווייטער

צווייטער

אַ בראָך איז צו מיר! אַ בראָך איז צו מיר!

זי פאַלט

ערשטער

לאָז אָפּ, איך ברעך די ביינער!

צווייטער

צען פיאַסטער, אַלטער אייזל!—אשה. אַ גאַנצן עגיפּטישן פונט!

ערשטער

זיי שלאָגן זיך

לאָז אָפּ מיין נאָז!

צווייטער

לאָז אָפּ מיינע!

שמש

מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט, פון ווייטן

„טייערע יידעלעך. טייערע יידעלעך. שטייט אויף... שטייט אויף לעבודת־הבורא".

צווייטער

לאָז אָפּ מיין נאָז.

ערשטער

לאָז אָפּ מיינע.

סצענע

דאָס ליכט אין דער לאַטערנע באַלייכט זיי. זיי דערקענען זיך.

צווייטער

וזכם אביגדור גגיד דע מיטעלטאַן?

ערשטער

שופט?! הם.

צווייטער

קוקט זיך איין אויף זיין פֿרוי.

מיין ווייב.—פּעשע!..

פרוי

אַ בראָך איז צו מיר, העריִ!

חכם

אַזאַ מיספאַרשטענדעניש,..

פאַרשווינדט.

פֿאַרהאַנג.

דריטע סצענע

אין געריכט־הויז, דריי ריכטער. שושנה לינקס בצוואַכט. פיל פֿאָלק געשפּאַנט.

שופט

קלינגט

רעספּעקט אין געריכט! נאָך איין מאָל און איר אַלע ווערט אַרויסגעטריבן!...

אָנגעקלאָגטע, וווּ זענט איר געווען בשעת דעם מאָרד?—בשעת דער דוד בן ישׂראל דער דערמאָנטער איז דערמאָרדעט געוואָרן

שושנה שווייגט

אָנגעקלאָגטע, איר דאַרפֿט ענטפֿערן און עדות זאָגן פֿאַר זיך אַליין. וווּ זענט איר געווען בשעתן מאָרד?

שושנה

שווייגט אַ לענגערע ווייל.

שופט

אָנגעקלאָגטע, אייער עקשנות און איינגעשפּאַרט זיין וועט אייך גאָרנישט העלפֿן! אָנגעקלאָגטע... וווּ זענט איר געווען בשעת דעם מאָרד?

שושנה

געשלאָפֿן.

טומל, געלעכטער

שופט

אָנגעקלאָגטע, וווּ זענט איר געשלאָפֿן?

שושנה

היסטעריש, ברעכט אויס

איך בין געשלאָפֿן... בין געשלאָפֿן...

וויינט

שופט

פויזע. ער ווינקט זיך איבער מיט די איבעריקע

הם. אין וועלכן צימער איז דער דערמאָרדעטער, דער דוד בן ישראל, איינגעשטאַנען.

שושנה

וויינט

איך געדענק נישט.

שופט

דערמאָנט זיך—איר האָט צייט. הם.

שושנה

אינעם פליגל.

שופט

אין פליגל, הם. האָט אים געזאָגט.

שושנה

אינעם פליגל.

שופט

וויפל טירן זענען ביי אייך פאַראַן פונעם פליגל ביז דעם ערשטן זאַל?

שושנה

איך געדענק נישט.

שופט

ס'מאַכט נישט, דערמאָנט זיך. ער ציילט איין טיר, צוויי טירן, דריי טירן, פינעף, זעקס, זיבן...

שושנה

פונעם פליגל מוז מען דרויסן אַרויס דורכן הויף גיין,

צווייטער ריכטער

מיט אייער דערלויבעניש? שופט דערלויבט

אָנגעקלאָגטע, אַז ס'זענען פאַראַן טירן—קענט איר דעם געריכט נישט זאָגן. פאַרוואָס מוז מען פונעם פליגל גיין אין דרויסן אַרויס דורכן הויף?

שושנה

אין ב־בליאָטעק איז אַ שאַנק־ביכער פאַר דער טיר געשטאַנען

ערשטער שופט

האָט דער שליסל פון דער טיר געשטעקט אינווייניק?

שושנה

ניין. פון דרויסן, דאַכט זיך.

שופט

דאַכט זיך? זאָגט איר, איר זענט נישט זיכער?

שושנה

איך געדענק נישט.

אָנקלאָגער

צום שופט

מיט אייער ווערטער דערלויבעניש.

מיט א שליסל אין האַנט צו שושנהן נאָענט

מאַדאַם, איז דאָס דער שליסל צו דער טיר פון ביבליאָטעק' זאַל?

שושנה

צעטומלט. פאַרלעגן

הם. איך געדענק נישט.

אָנקלאָגער

באַקוקט, מאַדאַם.

שושנה

קוקט אויפן שליסל

מעגלעך.

אָנקלאָגער

טריומף

נישט מעגלעך, מאַדאַם.—דער שליסל איז אין אייער האַנט-טאַש געלעגן...

צו די ריכטער

אַ דאַנק!

שושנה

ס'איז געווען... הם.

זי שוויגט. און שטעלט זיך טראַציק

ש ו פ ט

איך דער שוועל פון אייער שלאָפצימער האָט מען דעם, דוד בן ישראל, דעם דערמאָרדעטן געפונען. מיט וועלכער טיר איז ער פונעם פליגל דאָס לעצטע מאָל פאַרן מאָרד געגאַנגען?

ש ו ש נ ה

אָ, איר ווילט מיר שענדן און דאַן אומברענגען.—שופט... שופט... שופט...

ש ו פ ט

טומל, ער קלינגט

אָנגעקלאָגטע, דאָס געריכט פרעגט אייך וועגן אייער טובה וועגן. מער האָט אים דערמאָרדעט? שושנה שווייגט.

אָנגעקלאָגטע, די אָנקלאַגע האָט באַוויזן, איר זענט מיט דער דערמאָנטער חברה באָלשעוויקעס און פאַרברעכער אין געהיים און אין פאַרבינדונג געשטאַנען. דערקלערט דעם געריכט, וואָס ס'מיינען דיזע בוכשטאַבן, דיזע ראשי־תיבות און איניציאַלן אין אייער טאָגבוך. ער עפנט, לייענט „מם״ און „שין״ און „דלת״ און „ייד״.

ש ו ש נ ה

לאַכט אויפן קול

מיסטער ברוק...

ש ו פ ט

קלינגט

אָנגעקלאָגטע, איך בין אייער שופט. איך פּרוּוער אייך צו מיר פּריוואַט צו רעדן.

אָנגעקלאָגטע, איר זענט אין געריכט! הם.

ש ו ש נ ה

שווייגט

ש ו פ ט

אָנגעקלאָגטע, זייט זיך מודה, וואָס ~~זענען~~ מיינען דיזע בוכשטאַבן. הם.

ער זוכט צווישן די פּאַפּירן.

ש ו ש נ ה

ניין!

ש ו פ ט

אָנגעקלאָגטע, איך האָב נאָך נישט געענדיקט. געלעכטער. ער קלינגט
אָנגעקלאָגטע, איז עס נישט אַ פאַקט—איר אַליין און מיט דער
הילף פון דער דערמאָנטער חברה באָלשעוויקעס און פאַרברע־
כער, אַז איר האָט געפּלאַנעוועט, צוגעגרייט און אויסגעפירט
דעם פאַרראַט?

ש ו ש נ ה

ניין! ניין :...

ש ט י מ ע ן

טומל

אַ פאַרראַט... פאַררעטערקע... אַ פאַרראַט..,

ש ו פ ט

קלינגט

דער געריכט ערלויבט נישט!...
אָנגעקלאָגטע, פּראָוואָצירט נישט דעם געריכט!.. איז עס נישט
אמת, איר און מיט דער הילף פון דער דערמאָנטער חברה.
איר האָט געזוכט צוצעשטערן די יסודות פון דער געזעלשאַפט,
די מאָראַל און די גוטע זיטן פון דער משפחה, אין דער
פאַמיליע.
אָנגעקלאָגטע, אָנערקענט איר זיך שולדיק?

ש ו ש נ ה

ניין!

אַ ש ט י מ ע

ה—ע?... איך פאַרשטיי נישט. וואָס האָט ער איר געפרעגט?

צ ו ו י י ט ע ר

אין קליניקייט: באָבקעס!... אַ סימן דאָס שטריקל איז לויז.

ע ר ש ט ע ש ט י מ ע

וואָס מיינט ער?

צ ו ו י י ט ע ר

אַז דיין ווייב מוז דיר תמיד קאָכן אין איר טאָפּ און מיין
ווייב.— שופט קערט זיך אָפּ. קלינגט. וועסט באַלד הערן.

שופט

איז עס נישט אמת, איר זענט אַן אשת־איש אומגעגט געווען, הם. און איר האָט מיט אַ פרעמדן מאַן געלעבט.

געלעכטער—טומל, ער קלינגט.

שושנה

גאָט...

שופט

אָנגעקלאָגטע, אָנערקענט איר זיך שולדיק?

שושנה

אין וואָס?

געלעכטער.

שופט

פאַרפלאָנטערט זיך

איר דאַרפט ענטפערן יאָ אָדער ניין. שושנה שווייגט

אָנגעקלאָגטע, הם.

שושנה

אין די רייד

ניין!...

שופט

אָנגעקלאָגטע.

שושנה

העפטיק

ניין! ניין! ניין!

טומל

שופט

קלינגט

אָנגעקלאָגטע, איך ראָט אייך אייער חוצפה אין געריכט נישט צו ווייזן!

אַ שטימע

אַז נישט וועסטו הענגען ביז דו וועסט לעבעדיק ווערן.

שושנה

פאַרפלוכט... מאַכט אַן ענדע, מאַכט אַן ענדע.

שופט

אָנגעקלאָגטע.

שושנה

אין די רייד

עס עקלט פון אייך און פון אייער פּראָצעדור!

שופט

שפּרינגט אויף

דעם געריכט וועט איר מיט אייער באָלשעוויסטישער חוצפּה נישט אָפּשרעקן!

אָנגעקלאָגטע, איר זענט אין געריכט...

שטימען

אַ רבותא... ווו דען וואָלט ער צו איר אַזוי רעדן?...

שופט

איז עס נישט אַ אמת—איר האָט אין דער תּפיסה געמאַכט אַ פּאַרזוך אויף זעלבסמאָרד?

שושנה

צו שטאָלץ איז אפילו מיין פאַראַכטונג—אייך אין די פּנימער אַריין צו וואַרפן.

שופט

אָנגעקלאָגטע, איר דאַרפט ענטפערן יאָ אָדער ניין.

געלעכטער, שושנה שווייגט פאַרביסן. ער באַראָט זיך מיט די ריכטער.

שטימע

זאָג וואָס דו ווילסט.—איך הויב אָן צווייפלען אין גאַנצן ענין.

אַ צווייטער

אַ מאָרד אַהער, אַ מאָרד אַהין. נישטאָ וועמען אָנצונעמען. כאָטש שיט זיי זאַלץ אויפן וויידל.

אַ דריטער

אַן אַדוואָקאַט—ווען זי האָט שכל?!

אַ פערטער

זי איז פון אייזן, אַז זי וועט איבערהאַלטן.

אַ פינפטער

מוט האָט זי!

א זעקסטער

העַנגען וועט זי סיי־ווי־סיי. מילא, וועט זי העַנגען נאָך אַ ווײַלע.

דריטער

בהמה !...

שטימען

מען קריגט זיך.

שופט

קלינגט

חכם קומט. אָנקלאָגער באַלייט אים

געריכט־שרײַבער

מיט אַ תנ״ך אין האַנט

אייער נאָמען?

חכם

חכם אביגדור נגיד דע מיטלמאַן!

געריכט־שרײַבער

דעם תנ״ך צו אים

חכם אביגדור נגיד דע מיטלמאַן. שווערט!

חכם

הויכער געריכט! דערלויבט מיר צו מאַכן אַ דערקלערונג איידער איר גיט מיר די שבועה.

שופט

גיט אַ צייכן. שרײַבער אָפּ.

חכם

חשובער געריכט, איך בין מיט דער פרוי הם. דעם הויכן געריכט איז באַקאַנט, די אָנגעקלאָגטע איז מײַן פרוי געוועזן. איך בין געקומען עדות זאָגן אויף דער אײַנלאַדונג פון מײַן פרײַנט דעם „דשענעראַל אַמאָרני". דאָס הייסט, אַלס אַן עדות פאַר דער אָנקלאַגע. איך בעט דעם הויכן געריכט צו באַפרײַען מיך פון דער שבועה. איך האָב באַשלאָסן עדות צו זאָגן פאַר דער פאַרטיידיקונג.

טוטל

ש ט י מ ע ן

פֿאָרט אַ ייִנג שיין ווייבל...

אַ ש ט י מ ע

שלי, שלי, שלך שלך,—ער האָט איר איינגעווייקט, ער וועט איר אַרויסנעמען.

שופֿט קלינגט

ח כ ם

הויכֿער געריכֿט! נישט אַכֿטנדיק אויפֿן אומכּבֿוד, וואָס ס'שטייט מיר דאָ פֿאָר אַלס אַן עדות פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג אויפֿצוטרעטן—און ס'איז טאַקע אַן אומכּבֿוד!... דאָך די גערעכֿטיקייט, די הויכע גערעכטיקייט פֿאָדערט פֿון אונז—אַז איך זאָל נישט מיין עדות זאָגן לטובֿת דער אָנגעקלאָגטער פֿאַרשווייגן.
הויכֿער געריכֿט! די אָנגעקלאָגטע, זי ליידט פֿון גאַנץ אָפּטע אַזוינע מעלאַנכאָלישע אָנפֿאַלן. דאָס איז עס! איז אַ—הם.

סצענע

שושנה לאַכֿט פֿאַרבאָכטנד אויפֿן קול. טומל

ש ו פֿ ט

אָנגעקלאָגטע!...

ח כ ם

די פֿרוי, די אָנגעקלאָגטע, הויכֿער געריכֿט!—ווי פֿיל אַנדערע, וואָס פֿעלן הײַנט נישט אין אונזער לאַנד. טראַגעדיעס, וואָס מיר באַגעגענען אין די גאַסן. גייסט-קראַנקע און אירזיניקע. דאָס איז עס! איך וועל דעם חשובֿן געריכֿט באַווייזן. די פֿרוי, די אָנגעקלאָגטע, למשל, זי איז בכּוח צו זען אַ לבֿנה און שטערן אויפֿן הימל בשעת אַ רעגן, אין אַ רעגנדיקע נאַכֿט אין עס זומער. און באַלד, דאָס הייסט באַלד אין דריי מינוט שפּעטער, זאָל איר פֿאָרקומען, אַז ס'איז העלער טאָג, און די זון שיינט. דאָס הייסט, ממש די זון, איר פֿאַרשטייט?... דאָס איז עס, הויכֿער געריכט! די אָנגעקלאָגטע איז אַ מעלאַנכאָלישע אַ גייסט-קראַנקע זען מיר אַלע. דאָס איז עס! איך בעט דעם הויכֿן געריכט, אויפֿן סמך פֿון מיין עדות זאָגן און אויפֿן סמך ווי די אָנגעקלאָגטע פֿאַרהאַלט זיך אין דער עפֿנטלעכקייט, און אין

גערי̈כט. איך בעט אַז דאָס געריכט זאָל באַשטימען אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט צו אונטערזוכן דעם גייסטיקן צושטאַנד פון דער אָנגעקלאָגטער.

שושנה

אָ פלוך אייך... זייט פאַרשאָלטן..
געריכט! געריכט! איינס און צוויי איז דריי?—אַן אמת אָדער ניין? דריי און זעקס איז ניין? זיבן און פינף איז צוועלף. אַן אמת אָדער ניין? בין איך נישט ביים זינען? בין איך משוגע, בין איך וואַנזיניק? וואָס וויל ער! וואָס וויל דער ערנהאַפטער מאַן דאָ האָבן?

חכם

שושנה !..

שושנה

אַוועק !...
ביז איצט האָט איר גערעדט און איך האָב געשוויגן. איצט וועל איך רעדן—
עדות, עדות זייט, איר וועגט !... צווישן אייך האָבן זיי די גערעכטיקייט איינגעשפּאַרט! עדות זייט דו, אָ, ירושלים אייביקע !... איך בין נישט קראַנק!... איך בין נישט וואַנזיניק!... איך וויל זיך נישט פאַרטיידיקן. — ווער איר זענט? א—י—ר?... זי לאַכט. באַלד זי קערט זיך צו דעם עולם. מוטער, פאַר דיר — מוטער... איר האָט אַהער אויף מיין ביין-ווונדער אייער זויג-קינד מיטגעברענגט. מוטער... יאָ, פאַר דעם קינד אין שויס... מוטער. — וויל איך, וועל איך מיין האַר עפענען.
יידיש קינד! איך וואָלט זיך אַנטבלויזט, מיין זעלע נאַקעט זי דיר געוויזן, אויגן פרעמדע, פיינדלעכע זענען דאָ פאַראַן, יידיש קינד, איבער וועלכע איך קען זיך נישט ווייזן. אָבער דאָך, פון מיין האַרץ זאָג איך דיר אומשולדיק!... ביי אַלע הייליקע אומשולדיק!... איך האָב געוואָלט, געוואָלט... דעם פיין לינדערן, דעם פיין, וואָס איז אויף דער ערד, לינדערן, לינדערן. דעם פאָלק דיינעם, טרייסטן, לינדערן... און יאָ. — משיח... ער האָט אויך געוואָלט... זיי!... זיי האָבן אים פאַר·

טריבן!... נאָר איך בין נישט קראַנק... יידיש קינד! יאָ אמת,
איך בין נישט וואַנזיניק!

חכם

שטיל

דיין לעבן וויל איך ראַטעווען, שושנה!...

שושנה

מיין לעבן? — זי לאַכט אייער האָפענונג אויף וואָס? — דאָס בי־סעלע לוסט, דאָס קאָפּעטשקע כבוד, וואָס אייך שטייט פאָר צו פאַרלירן? אייער האָפענונג אויף וואָס? — אפשר — מיט מיר אין איין בעט צו שלאָפן?

חכם

אין די רייד

שושנה!... שושנה! אַוועק... קנעכטישע זעלע — אַוועק!... אייער אויפגאַבע און מיסיע איז, דעם האַר אייערן זיינע באַפעלן צו פאָלגן! די שוואַרצע מאַכט וויל מיין קאָפּ האָבן. אייער אויפגאַבע איז: פאָלגן!... מיר, מיר האָט אַן אַנדערער פון אייערע נעגל געראַטעוועט!...

עקסטאַז, שווונג

מ—ש—י—ח!...

איך בין שוואַנגער. פון אים בין איך ~~דאָס ענגלישע געזעץ~~ ~~זאָגט~~, אַ פרוי וואָס איז שוואַנגער טאָר מען נישט טויטן!... איר קנעכט! איר וועט משיחן אין מיין האַרץ נישט טויטן!...

סצענע

זי ברעכט צוזאַמען. טומל.

שטימען לאָזן זיך צו איר

שושנה, שושנה...

שופט

אויף זיין באַפעל — פּאָליציי שלאָגן און מאַכן אָרדענונג. טומל.

פאָרהאַנג.